ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# חגיגה

בלשון הקודש
ואידיש

**212**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
# מסכת חגיגה

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת חגיגה

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו,
ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ
מעתיק המשניות עברי טייטש.

❖

הוצאת אמונה,
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

# הכל חייבין פרק ראשון חגיגה

(דף ב) [מתני' הכל חייבין בראיה כו' : גמ' הכל לאתויי מאי לאתויי סומא באחת מעיניו] ודלא כי האי תנא דתניא יוחנן בן דהבאי אומר משום רבי יוסי סומא באחד מעיניו פטור מן הראיה שנאמר (שמות כג) יראה יראה כדרך שבא לראות כך בא ליראות מה לראות בשתי עיניו כך ליראות בשתי עיניו :

**פירוש**

יראה יראה. יראה כתיב וקרינן יראה יראה כל זכורך אל פני האדון דמשמע שהאדם רואה את השכינה יראה כל זכורך אל פני האדון משמע שהאדון בא לראותך פירש הכתוב ראייתך לראייתו : כדרך שבא לראותך כך בא לראות ממך. מה לראותך בשתי עיניו אף כאן לראות מן האדם בשתי עיניו :

הלכתא. משניות. מכאן הוכיחו בגמרא שהאלם ינ לו כח ללמוד מה ששמע : שנקרא נדיב. על שנדבו לבו להכיר בוראו : נדיבי עמים. הם הגרים המתנדבים מן העמים לקבל עליהם עול

(דף ג) ב הנהו תרי אלמי דהוו בשבבותיה דרבי בני ברתיה דרבי יוחנן בן גודגדא ואמרי לה בני אחתיה דרבי יוחנן דכל אימת דהוה עייל רבי לבי מדרשא הוו עיילי ויתבי קמיה ומניידי ברישייהו ומרחשי בשיפוותייהו ובעי רבי רחמי עלייהו ואיתסו ואשתכח דהוו גמירי הלכתא וספרא וספרי ותוספתא וכולי גמרא :

דרש רבא מאי דכתיב (שה"ש ז) מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב כמה יפין רגליהן של ישראל בנעלים בשעה שעולין לרגל בת נדיב בתו של אברהם שנקרא נדיב שנאמר (תהלים מז) נדיבי עמים נאספו עם אלהי אברהם וכי אלהי אברהם ולא אלהי יצחק ויעקב

---

# פרק ראשון

א מתניתין. הכל. אלע יודען מוזען גיזעהן ווערין יום טוב אין בית המקדש. פרעגט די גמרא וואס מיינט מען מיט דעם ווארט אלע. זאל שטיין דיא יודען מוזען גיזעהן ווערין יום טוב אין בית המקדש. וועל איך אליין וויסען אז מען מיינט אלע יודען. ענטפערט די גמרא דער ווארט אלע ווייזט אפילו דער וואס האט איין אויג אבלינדע מוז אויך קומען יום טוב אין בית המקדש. אונ ניט אזוי ווי דער תנא. ווארום מיר האבען גילערנט יוחנן בן דהבאי זאגט פון רבי יהודהס וועגין דער וואס איז בלינד אויף איין אויג דארף ניט גיזעהן ווערין יום טוב אין בית המקדש. ווארום עס שטייט אין פסוק יראה כל זכורך אל פני האדון. איז דער טייטש דיינע אלע זכרים זאלען זעהן דעם העררן גאט. אונ מיר לייענען יראה כל זכורך דיינע אלע זכרים זאלען גיזעהן ווערין פון גאט. דאס הייסט גאט וועט זעהן אין בית המקדש דיינע אלע זכרים. אזוי ווי גאט קומט דיך זעהן. אזוי קומט גאט גיזעהן ווערין פון דיר. דו זאלסט איהם זעהן. אזוי ווי גאט קוקט דיך זעהן מיט זיינע צוויי אויגען. אזוי קומט גאט גיזעהן ווערין פון דיר מיט דיינע צוויי אויגען. אבער דער וואס האט נאר איין אויג. דארף ניט גיזעהן ווערין יום טוב אין בית המקדש. אונ די משנה זאגט ניט אזוי. נאר דער וואס איז בלינד אויף איין אויג מוז אויך גיזעהן ווערין אין בית המקדש:

ב הנהו. עס זענען אמאהל גיוועזען צוויי שטומע וואס האבען גיוואוינט נאנט פון רבי. די שטומע זענען גיוועזען די זוהן פון רבי יוחנן בן גודגדאס טאכטער. אנדערע זאגען זיי זענען גיוועזען די זיהן פון רבי יוחנן'ס שוועסטער. ווען רבי פלעגט אריין גיין אין בית המדרש. פלעגין אריין גיין די צוויי שטומע אויך אין בית המדרש. אונ פלעגין זיצען פאר רבי. אונ פלעגין שאקלען מיט זייערע קעפ. אונ שאקלען מיט זייערע לעפצין. האט רבי מתפלל גיוועזען אויף זיי אונ זיי זענען גיזונד גיווארען. אונ האבען אן גיהויבען צו ריידען. האט מען גיפונען אז זייא האבען גילערנט משניות אונ ספרא אונ ספרי און תוספתא אונ די גאנצע גמרא:

דרש. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב. ווי שיין זענען גיוועזען די טריט פון די יודען ווען זייא זענען אויף גיגאנגען אין ירושלים אויף יום טוב. בת נדיב. די יודען ווערין גירופען די טאכטער פון אברהם אבינו וואס ער הייסט נדיב, ווייל זיין הארץ האט איהם בווילינגט צו דינען גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די פעלקער וואס

ויעקב אלא אלהי אברהם שהיה תחלה לגרים . אמר רב כהנא דרש רב נתן בר מניומי משמיה דרבי תנחום מאי דכתיב (בראשית לז) והבור ריק אין בו מים ממשמע שנאמר והבור ריק איני יודע שאין בו מים אלא מה תלמוד לומר אין בו מים מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו :

ג תנו רבנן מעשה ברבי יוחנן בן ברוקא ורבי אלעזר בן חסמא שהלכו להקביל את פני רבי יהושע בפקיעין אמר להם מה חדוש היה היום בבית המדרש אמרו ליה רבי תלמידיך אנו ומימיך אנו שותין אמר להם אף על פי כן אי אפשר לבית המדרש בלא חדוש שבת של מי היתה שבת של רבי אלעזר בן עזריה היתה ובמה הגדת היתה היום אמרו לו בפרשת הקהל ומה דרש בה (דברים לא) הקהל את העם האנשים והנשים והטף אם אנשים באים ללמוד ונשים באות לשמוע טף למה באין כדי (להקביל) [ליתן] שכר למביאיהם אמר להם מרגלית טובה היתה (לי) בידכם ובקשתם לאבדה ממני ועוד דרש (בה) (דברים כו) את ה' האמרת היום וכתיב וה' האמירך היום א"ל הקב"ה לישראל אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם ואני אעשה (לכם) אתכם

מלוח : והבור רק . מהכא דרבי תנחום אמרה נקט לה הכא גבי במעשה דרבי תנחום דלעיל נגמרה ; אבל נחשים ועקרבים יש בו . לא היה ריק אלא ממים :

להקביל פניו . י"מ זה שאדם חייב לכבד את רבו בהקבלת פנים כדאמרינן בר"ה מדוע את הולכת אליו היום לא חדש ולא שבת : תלמידיך אנו . ואין לנו לדבר בפניך : האמירך . שבחת כמו יתאמרו כל פועלי און יתשבחו בדרכם לנחש : חטיבה אחת . שבח אחת מיוחדת לומר אין כמוך לכך בתנ"ך לאלהים (נ' חטובות אטון מצרים שפי׳

---

וואס זייער הארץ וועט זיי בווילינגען צו דינען גאָט וועלען זיך פאַר זאַמלען צום פאָלק פון גאָט פון אַבְרָהָם. איז דען גאָט נאָר דער גאָט פון אַבְרָהָם אונ ניט דער גאָט פון יִצְחָק אונ יַעֲקֹב. נאָר ווייל אַבְרָהָם איז געוועזן דער ערשטער גר. דריבער ווערט גאָט אונ אַלע גֵרִים גערופען אויף דעם נאָמען פון אַבְרָהָם. רב כַּהֲנָא האָט גזאָגט רב נָתָן בַּר מַניוּמִי האָט געדַרְשְׁנְט פון רַבִּי תַּנְחוּם. וועגין עס שטייט אין פָּסוּק ביי יוֹסֵף דער גרוב איז געוועזן ליידיג עס איז אין איהם ניט געוועזן קיין וואַסער אַז מען זאָגט ליידיג ווייסען מיר דאָך אַז אין איהם איז ניט געוועזן קיין וואַסער. צו וואָס שטייט אין פָּסוּק אַז אין איהם איז ניט געוועזן קיין וואַסער. נאָר צו זאָגען אונז אַז דער גרוב איז געוועזן ליידיג נאָר פון וואַסער. אָבער שלאַנגען אונ עַנְדֶעסִין איז אין איהם געוועזן:

ג תָּנוּ רַבָּנָן. די רַבָּנָן האָבען געלערנט עס האָט אַמאָהל געטראָפען אַז רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן בְּרוֹקָה אונ רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חִסְמָא זענען געקומען אום יום טוב צו רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אין פְּקִיעִין. (וואָרום אַמענטש דאַרף קומען זעהן דעם פָּנִים פון זיין רֶבִּי אום יום טוב). האָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גזאָגט צו זיי וועלכע נייע תּוֹרָה איז היינט געלערנט געוואָרען אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. האָבען זייא גזאָגט צו רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ רֶבִּי מיר זענען דיינע תַּלְמִידִים אונ מיר טרינקען דיינע וואַסער ומיר לערנען דיינע תּוֹרָה. האָבען מיר גאָר ניט וואָס צו זאָגען פאַר דיר. האָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ צו זיי גזאָגט פון דעסטוועגין איז ניט מעגליך אַז אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ זאָל ניט געלערנט ווערין אַנייע זאַך. וועמעס שַׁבָּת איז היינט געוועזן. ווער האָט היינט געדַרְשְׁנְט. האָבען זייא גזאָגט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה האָט היינט גזאָגט די דְרָשָׁה. האָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ געפרעגט וועלכע זאַך האָט ער היינט געדַרְשְׁנְט. האָבען זיי גזאָגט פון די פָּרָשָׁה הַקְהֵל האָט ער געדַרְשְׁנְט. הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ געפרעגט וואָס האָט ער געדַרְשְׁנְט אין די פָּרָשָׁה. האָבען זיי גזאָגט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה הָט געפרעגט. עס שטייט אין פָּסוּק דו זאָלסט פאַר זאַמלען דאָס פאָלק מאַנען אונ ווייבער אונ קליינע קינדער. מאַנען קומען לערנען. ווייבער קומען הערין. קליינע קינדער צו וואָס קומען. נאָר מען זאָל געבין שָׂכָר צו די גרויסע חייל זיי ברייננען די קליינע קינדער אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. האָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ צו זיי גזאָגט איר האָט געהאַט אַגוטען פֶּערִיל אונ איר האָט זי געוואָלט פאַרלירען פון מיר. איר האָט געוואוסט אַזוי אַגוטע זאַך. אונ איר האָט מיר ניט געוואָלט זאָגין. האָבען זיי גזאָגט צו רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ נאָך האָט היינט רַבִּי אֶלְעָזָר גזאָגט אין די דְרָשָׁה. עס שטייט אין

מזובחות) : ואף הוא . ר' אלעזר בן עזריה : לתלמיה . דורות כמתנה : פוסלין ומכשירין . שייך לענין פסול עדות ופסול כהונה : כולן אל אחד אמרן . אין לך אחד בבני המחלוקת מביא ראיה מתורת אלוה אחר אלא מתורתו של הקדוש ב"ה : פרנס אחד אמרן . אין לך מביא ראיה מדברי נביא

[אתכם] חטיבה אחת בעולם אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם דכתיב (דברים ו) שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד ואני אעשה (לכם) [אתכם] חטיבה אחת בעולם דכתיב (שם ע"ב) (ש"ב ז) ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ . ואף הוא פתח ודרש (קהלת יב) דברי חכמים כדרבונות וכמשמרות נטועים בעלי אסופות נתנו מרועה אחד למה נמשלו דברי תורה לדרבונות לומר לך מה דרבן זה מכוון את הפרה לתלמיה להביא חיים לעולם אף דברי תורה מכוונים לב לומדיהם מדרכי מיתה לדרכי חיים אי מה דרבן זה מטלטל אף דברי תורה מטלטלין תלמוד לומר וכמשמרות אי מה מסמר זה חסר ולא יתר אף דברי תורה חסרים ולא יתרים תלמוד לומר נטועים מה נטיעה זו פרה ורבה אף ד"ת פרים ורבים בעלי אסופות אלו תלמידי חכמים שיושבין אסופות אסופות ועוסקין בתורה הללו מטמאים והללו מטהרים הללו אוסרין והללו מתירין הללו פוסלין והללו מכשירין שמא יאמר אדם (הואיל והללו מטמאין והללו מטהרין הללו אוסרין והללו מתירין הללו פוסלין והללו מכשירין) היאך אני למד תורה מעתה תלמוד לומר כלם נתנו מרועה אחד כולן אל אחד נתנן ופרנס אחד אמרן מפי

---

אין פסוק דו האסט הייגט גילויבט גאט . אונ גאט האט דיך היינט גילויבט . גאט האט גזאגט צו די יודען איר האט מיך גימאכט פאר איין גוטע זאך אויף דער וועלט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שמע ישראל יי אלהינו יי אחד . אונ איך וועל אייך אויך מאכען פאר איין גוטע זאך אויף דער וועלט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וועד איז אזוי ווי דיין פאלק יודין וואס זיי זענען איין פאלק אויף דער ערד . אונ רבי אלעזר בן עזריה (עיין מהרש"א) האט אויך אן גיהויבען אונ האט גידרשנט . עס שטייט אין פסוק די רייד פון די חכמים זענען אזוי ווי די האקערס . אונ אזוי ווי טשוועקים . וואס זענען גיפלאנצט . די מענטשין וואס ווערין פאר זאמעלט . זיי זענען גיגעבין גיווארען פון איין פאסטוך . פאר וואס איז גענליכען די רייד פון די תורה צו האקערס . אזוי וויא דער האקער פירט די קוה אין אירע בייטען צו ברענגען לעבין אויף דער וועלט . נאך דעם האקער ווערט פאר זייט אונ עס וואקסט האט מען צו עסין . אזוי די רייד פון די תורה ברייטען אן די הארץ פון די לערנער פון די וועג פון שטארבען צוא די וועג פון לעבין . טאמער מיינט מען אזוי וויא דעם האקער קען מען טראגען פון איין ארט צום אנדערין . אונ ער איז ניט אייביג אין איין פעלד . אזוי וועט די תורה אויך ניט זיין אייביג אויף דער וועלט . שטייט אין פסוק די תורה איז אזוי ווי טשוועקים . אזוי ווי מען שלאגט צו אזאך מיט טשוועקים בלייבט דאס אויף אייביג . אזוי וועט די תורה אויך זיין אייביג . טאמער אזוי וויא דער טשוואק מאכט אלאך אין וואנט . פעלט דאך אין די וואנט פון די הארץ . אונ די וואנט ווערט גיוויס ניט גימערט דורך דעם טשוואק . אזוי דער מענטש ווס לערנט תורה פעלט איהם פון זיין פרנסה . אונ די פרנסה ווערט ביי איהם גיוויס ניט גימערט . ווארום ער האט דאך ניט צייט צו ארבעטין אויף פרנסה . שטייט אין פסוק זייא זענען גיפלאנצט . אזוי וויא א גיפלאנצטער בוים וואקסט אויף איהם פירות פון זיך אליין אונ דער בעל הבית הט ביי אים ווייניג ארבעט . אזוי דער מענטש וואס לערנט תורה וועט זיין פאר מעגין גימערט ווערין . אפילו דער בעל הבית וועט ווייניג ארבעטין . די מענטשין וואס ווערין פאר זאמעלט . דס מיינט מען די תלמידי חכמים וואס זענען פאר זאמעלט אין בית המדרש אונ לערנען תורה . די זאגען עס איז טמא אונ די זאגען עס איז טהור . דיא זאגען עס איז אסור אונ דיא זאגען עס איז מותר . די זאגען עס איז פסול אונ דיא זאגען עס איז כשר . טאמער וועט א מענטש זאגען או ניט אלע חכמים זאגען גלייך ווי אזוי קען איך לערנען תורה . שטייט אין פסוק אלע זענען גיגעבען גיווארען פון איין פאסטוך . איין גאט הט גיגעבען די גאנצע תורה . ווארום די חכמים וואס

מפי אדון כל המעשים ברוך הוא שנאמר (שמות כ) וידבר אלהים את כל הדברים האלה לאמר. אף אתה עשה אזנך כאפרכסת וקנה לך לב [מבין] לשמוע דברי המטהרין ודברי המטמאין דברי האוסרין ודברי המתירין דברי הפוסלין ודברי המכשירין ובלשון הזה אמר להם אשרי הדור שרבי אלעזר בן עזריה שרוי בתוכו שאין דורו יתום. ולימרו ליה בהדיא משום מעשה שהיה דתניא מעשה ברבי יוסי בן דורמסקית שהלך להקביל את פני רבי אלעזר בלוד אמר לו מה חדוש היה היום בבית המדרש אמר ליה נמנו וגמרו עמון ומואב מעשרין מעשר עני בשביעית אמר ליה יוסי פשוט ידיך וקבל את עיניך פשט את ידיו וקבל את עיניו בכה רבי אלעזר ואמר (תהלים כה) סוד ה' ליראיו ובריתו להודיעם אמר ליה לך ואמור להם אל תחושו למנינכם כך מקובלני מרבי יוחנן בן זכאי ששמע מרבו ורבו

פתח לחלוק על מאמר רבינו: עשה אזנך כאפרכסת. מאחר שכולן לשם שמים עשה אזנך שומעת ולמוד ודע דברי כולן וכשתדע להבחין איזה יכשר קבע הלכה כמותו: אפרכסת. טרימוי"א בלע"ז: מה מסמר זה. כשנוטלין אותו בכותל הוא מחסרו יכול אף זה כך ת"ל נטועים כנטיעים שדרכה לפרות ולרבות: ולימרו ליה בהדיא. מיד למה הוצרך לומר תלמידיך הני: נמנו וגמרו. והתקינו שיהיו ישראל הדרים בעבר הירדן במה שכבשו מסיחון ועוג מארץ בני עמון ומואב: מעשרין. שלבניו מעשר עני בשביעית שהם היו זורעים בשביעית כדמפרש לקמן שלא קדשום עולי גולה בקדושת הארץ: פשוט ידיך וקבל עיניך. שהוקשה בעיניו שלא עטרם להביאו מנין שהיו מימות הנביאים כנסת הגדולה היתה הקנה זו: אל תחושו למניינכם. אל יהי לבכם שום חשש ונמנום תורה כתב במניינם ותקנתם שהיו הכמתם להלכה: כך מקובלני וכו'. בקדושה ראשונה שקדשה יהושע לא קדשה לעת"ל אבל קדושה שניה שהקדשה לעולם כדתניא ביבמות קדושה ראשונה ושניה יש להם שלישית אין להם לפיכך בשאר א"י אין זורעין בשביעית אין מעמון ומואב הניחום מלקדשם כדי שיסמכו עליהם עניים בשביעית בלקט

---

וואס זאגען טמא אדער פסול אדער אסור לערנען זיי דאס פון דער תורה. אונ פון דער זעלביגער תורה לערנען די אנדערע חכמים טהור אונ כשר אונ מותר. אונ איין פירער משה רבינו האט גזאגט די גאנצע תורה. אזוי וויא ער האט זי געהערט פון גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גערעדט די אלע רייד מען זאל זיי זאגען צו די יודען: אזוי דער מענטש וואס קומט לערנען תורה זאל מאכען זיינע אויערין אזוי וויא אזיפ. וואס אין איר ווערט אלץ אריין געשאטען אין איין מאהל. דער נאך זיפט מען. וועלכע עס איז נוט נעמט דער בעל הבית. אונ וועלכע עס איז שלעכט לאזט ער ליגען. אונ קויף דיר אהארץ צו פאר שטיין אונ צו הערין אלע רייד. די רייד פון די וואס זאגען טהור. אונ די רייד פון די וואס זאגען טמא. די רייד פון די וואס זאגען אסור. אונ די רייד פון די וואס זאגען מותר. די רייד פון די וואס זאגען פסול. אונ דיא רייד פון די וואס זאגען כשר. דער נאך וועלכעס רייד עס וועלען דיר געפעלין אזוי וועסטו פסקנען. אונ דעם אנדערינס רייד זאלסטו אוועק לאזין. אונ מיט דעם לשון האט רבי יהושע צו זייא גזאגט. וואוהל דעם דור וואס רבי אלעזר בן עזריה איז מיט איהם. זיין דור איז ניט קיין יתום פון תורה. פרעגט די גמרא פאר וואס האט רבי יוחנן אונ רבי אלעזר באלד ניט גזאגט צו רבי יהושע וואס זיי האבען געהערט פון רבי אלעזר בן עזריה. פאר וואס האבען זייא פריער צו איהם גזאגט מיר זענען דיינע תלמידים. האבען מיר גאר ניט וואס צו זאגען פאר דיר. ענטפערט די גמרא דורך דיא זאך וואס עס האט ניטראפען. וואדום מיר האבען געלערנט אמאהל איז רבי יוסי בן דורמסקית גיגאנגען אויף יום טוב צו רבי אלעזר אין לוד. האט רבי אלעזר גזאגט צו רבי יוסי וועלכע נייע תורה איז היינט געלערנט געווארען אין בית המדרש. האט רבי יוסי גזאגט מען האט געציילט די דעות פון די חכמים אונ עס איז געבליבען דער דין אז די יודען וואס וואוהנען אין עמון אונ מואב אונ זיי זייען אום שמטה זאלען זייא געבען מעשר פאר די ארעמע לייט. האט רבי אלעזר גזאגט צו רבי יוסי. יוסי ציה אויס די הענט אונ נעם דיר ארויס די אויגען. האט רבי יוסי אויס געצויגען די הענט אונ האט ארויס גינומען זיינע אויגען. האט רבי אלעזר געוויינט. אונ האט גזאגט גאט מאכט וויסען זיינע סודות צו די מענטשין וואס האבען מורא פאר איהם אונ ער מאכט זיי וויסען זיין תורה. האט רבי אלעזר גזאגט צו רבי יוסי גיי אין בית המדרש אונ זאג צו די חכמים איר זאלט ניט זארגין אויף אייער ציילונג מאמער האט איר שלעכט גיפסקנט דעם דין. איר האט גוט גיפסקנט. וואדום אזוי האב איך געהערט פון רבי יוחנן בן זכאי. וואס ער האט געהערט פון זיין רבי. אונ

זיין

מרבו הלכה למשה מסיני עמון ומואב מעשרין מעשר עני בשביעית מה טעם הרבה כרכים כבשו עולי מצרים שלא כבשו עולי בבל (וקדושה) [מפני שקדושה] ראשונה קדשה לשעתה ולא קדשה לעתיד לבא והניחום כדי שיסמכו עניים עליהם בשביעית תנא לאחר שנתישבה דעתו אמר יהי רצון שיחזרו עיני יוסי למקומו וחזרו. דרש רבא (ישעיה ס) ועמך כלם צדיקים בין שאמר להדליק בין שאמר שלא להדליק שניהם לא נתכוונו אלא לדבר אחד :

מכאן ופאה ומעשר עני לכך הקינו לכן שיהיו מסמכים מעשר עני וברשות הכמים היה להטיל עליהם איזה מעשר שירצו לפי שאין חייבין מה"ת. (להדליק. ביום הכפורים כי יש מקום שנהגו להדליק בליל יוה"כ ויש מקום שנהגו שלא להדליק ועל זה דרש רבא כי שניהם נתכוונו לדבר אחד נאסור תשמיש המטה וזה שאמר להדליק לפי שאמר הנר לא ישמש מטתו וזה שאמר שלא להדליק סובר כשהנר דולק מסתכל ורואה את אשתו ומתאוה לה ע"כ) :

סגד. סכות חייב לרגלו עד שרגלו מגופו ושוק מפני ירושלם : יתכחק מעליו. איך סגיע

(דף ד ע"ב) [ד רבי יוחנן בן דהבאי משום] רבי יהודה אומר סומא באחד מעיניו פטור מן הראיה שנאמר יראה יראה כדרך שבא לראות כך בא ליראות מה לראות בשתי עיניו אף ליראות בשתי עיניו

---

זיין רַבִּי הָאט גיהֶערט פון זַיין רֶבִּי . אַז דֶער דִין אִיז גִילֶערוּנְט גִיוָוארֶען אויף דֶעם בַּארג סִינַי צוּא משֶׁה רַבֵּינוּ . אַז דִי יוּדֶען וָואס וואוהנֶען אִין עַמּוֹן אונ אִין מוֹאָב אונ זֵיי זַייעֶן אוּם שְׁמִטָּה מוּזֶען זֵיי גֶעבֶּין מַעֲשֵׂר פַאר דִי אָרֶעמֶע לַייט . פַאר וָואס . וָוארוּם דִי יוּדֶען וָואס זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנגֶען פון מִצְרַיִם הָאבֶּען אַיין גִינוּמֶען פִיל שְׁטֶעט . אונ דִי יוּדֶען וָואס זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנגֶען פון בָּבֶל הָאבֶּען אַיין גִינוּמֶען וֶוינִיגֶער שְׁטֶעט . וַוייל דִיא עֶרְשְׁטֶע הֵיילִיגְקֵייט וָואס דִיא יוּדֶען פון מִצְרַיִם הָאבֶּען גִיהֵיילִיגְט . אִיז נָאר גִיוֶועזֶען הֵיילִיג אַזוֹי לַאנג ווִי דִי יוּדֶען זֶענֶען גִיוֶועזֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . אָבֶּער אַז זֵייא זֶענֶען פַאר טְרִיבֶּען גִיוָוארֶען פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין בָּבֶל . הָאט אויף גִיהֶערְט זֵייעֶר הֵיילִיגְקֵייט . אונ דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס דִי יוּדֶען פון בָּבֶל הָאבֶּען גִיהֵיילִיגְט . אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אויף אֵייבִּיג . הָאבֶּען דִיא יוּדֶען פון בָּבֶל גִילָאזֶען פִיל שְׁטֶעט וָואס זֵייא הָאבֶּען נִיט גִיוָואלְט אַיין נֶעמֶען. דִיא שְׁטֶעט זָאלֶען נִיט הֵיילִיג וֶוערִין . מֶען זָאל דָארְט מֶעגִין זַייעֶן אִין דֶעם יָאהר פון שְׁמִטָּה . דִי אָרֶעמֶע לַייט זָאלֶען הָאבֶּען פון וַואנֶען צוּ לֶעבִּין אִין דֶעם יָאהר פון שְׁמִטָּה . וָוארוּם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז מֶען טָאר נִיט זַייעֶן שְׁמִטָּה . הָאבֶּען דָאךְ נִיט דִי אָרֶעמֶע לַייט קֵיין לֶקֶט שִׁכְחָה פֵּאָה מַעֲשֵׂר עָנִי . וֶועלֶען זֵיי קֶענֶען גֵיין צוּ דִי יוּדֶען וָואס וואוהנֶען נאָנְט פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַזוֹי ווִיא עַמּוֹן אונ מוֹאָב דָארְט זַייט מֶען שְׁמִטָּה וֶועלֶען זֵיי הָאבֶּען דֶעם יָאהר פון וַואנֶען צוּ לֶעבִּין . מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט ווִי דֶער בַּעַס פון רַבִּי אֶלְעָזָר אִיז גֶעשְׁטִילְט גִיוָוארֶען . הָאט עֶר גִיזָאגְט עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פון גָאט אַז דִי אוֹיגֶען פון רַבִּי יוֹסִי זָאלֶען צוּרִיק קוּמֶען אויף זֵייעֶר אָרְט : עֶר זָאל צוּרִיק זֶעהְן , אונ עֶס אִיז אַזוֹי גִיוֶועזֶען , רָבָא הָאט גִידַרְשְׁת עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דַיין פָאלְק זֶענֶען אַלֶע צַדִּיקִים , סַיי דֶער וָואס הָאט גִיזָאגְט מֶען זָאל בְּרֶענֶען אַלִיכְט יוֹם כִּפּוּר בַּיי נַאכְט אִין דִי שְׁטוּב וואוּ מַאן אונ ווַייב שְׁלָאפֶען . אונ סַיי דֶער וָואס הָאט גִיזָאגְט מֶען זָאל נִיט בְּרֶענֶען אַלִיכְט יוֹם כִּפּוּר בַּיי נַאכְט אִין דִי שְׁטוּב וואוּ מַאן אונ ווַייב שְׁלָאפֶען . נָאר זֵיי זָאלֶען שְׁלָאפֶען אִין דֶער פִינְצְטֶער . בֵּיידֶע הָאבֶּען גִימֵיינְט אַיין זַאךְ . דֶער מַאן אונ ווַייב זָאלֶען נִיט מְשַׁמֵּשׁ הַמִּטָּה זַיין יוֹם כִּפּוּר בַּיי נַאכְט . אֵיינֶער זָאגְט אַז עֶס וֶועט בְּרֶענֶען אַלִיכְט וֶועט עֶר נִיט מְשַׁמֵּשׁ הַמִּטָּה זַיין . וָוארוּם מֶען טָאר נִיט מְשַׁמֵּשׁ הַמִּטָּה זַיין וֶוען אַלִיכְט בְּרֶענְט . אונ אֵיינֶער זָאגְט אַז עֶס וֶועט בְּרֶענֶען אַלִיכְט אונ עֶר וֶועט זֶעהְן דָאס ווַייב . אָדֶער עֶר וֶועט נִיט קֶענֶען אַיין הַאלְטֶען דִי תַּאֲוָה וֶועט עֶר מְשַׁמֵּשׁ הַמִּטָּה זַיין . אָדֶער עֶס וֶועט אַרוֹיס גֵיין פון אִיהם זֶרַע . דְרִיבֶּער אִיז בֶּעסֶער זֵיי זָאלֶען שְׁלָאפֶן אִין דֶער פִינְצְטֶער :

ד רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן דַהֲבַאי זָאגְט פון רַבִּי יְהוּדָה'ס וֶועגִין דֶער וָואס אִיז בְּלִינְד אויף אַיין אויג . בַּארְף נִיט גִיזֶעהְן וֶוערִין יוֹם טוֹב אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יֵרָאֶה כָּל זְכוּרְךָ אֶל פְּנֵי הָאָדוֹן . אִיז דֶער טַייטְשׁ דַיינֶע אַלֶע זְכָרִים זָאלֶען זֶעהְן דֶעם הֶערר גָאט . אונ מִיר לֵיינֶען יֵרָאֶה כָּל זְכוּרְךָ . דַיינֶע אַלֶע זְכָרִים זָאלֶען גִיזֶעהְן וֶוערִין פון גָאט . גָאט

וועט

עיניו. (גם בסנהדרין פ"א) רב הונא כי הוה מטי להאי קרא יראה יראה בכי אמר עבד שרבו מצפה לראותו יתרחק ממנו דכתיב (ישעיה א) כי תבאו לראות פני וגו'. רב הונא כי הוה מטי להאי קרא בכי (דברים כז) וזבחת שלמים ואכלת שם עבד שרבו מצפה לאכול על שלחנו יתרחק ממנו שנאמר (ישעיה א) למה לי רוב זבחיכם יאמר ה' וגו'. רבי אלעזר כי הוה מטי להאי קרא בכי (בראשית מה) ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו ומה תוכחה של בשר ודם כך של הקב"ה לא כל שכן. רבי אלעזר כי הוה מטי להאי קרא בכי (ש"א כח) ויאמר שמואל אל שאול למה הרגזתני להעלות אותי ומה שמואל הנביא היה מתירא מיום הדין אנו על אחת כמה וכמה. מאי היא דכתיב (ש"א כח) ותאמר האשה אל שאול אלהים ראיתי עולים מן הארץ עולים תרי משמע חד שמואל ואידך דאזיל שמואל ואייתי למשה בהדיה אמר דילמא חס ושלום לדינא קא מתבענא קום בהדאי דליכא מילתא דכתיבת באורייתא ולא קיימתיה. רבי אמי כי הוה מטי להאי קרא בכי

יום שמהפך לו לשנאה וריחקו ומה שלא ירצהו שרוח כי תבואו וגו': תוכחה. שמוכיח פניהם כי ז את יוסף"מנגם בלע"ז: מאי היא. מנא לן דמתיירא:

יתן

---

קומט נאט געזעהן ווערין מעט זעהן דיינע אלע זכרים. אזוי ווי גאט קומט דיך זעהן. אזוי קומט נאט געזעהן ווערין פון דיר. דו זאלסט איהם זעהן. אזוי ווי גאט קומט דיך זעהן מיט זיינע צוויי אויגען: אזוי קומט נאט געזעהן ווערין פון דיר מיט דיינע צוויי אויגען. אבער דער וואס האט נאר איין אויג. דארף נים געזעהן ווערין יום טוב אין בית המקדש. רב הונא אז ער איז געקומען צו דעם פסוק יראה יראה האט ער געוויינט. אונ האט גזאגט אקנעכט וואס דער בעל הבית האט איהם אזוי ליב געהאט. אז ער האט געהאט איהם צו זעהן. היינט זאל ער אים אזוי פיינט האבען אז ער זאל איהם דער ווייטערין פון זיך. אונ זאל איהם אן זאגען ער זאל נים געזעהן ווערין פאר איהם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז איר וועט קומען זעהן מיין פנים ווער פערלאנגט פון אייך איר זאלט טרעטין אין מיין הויף. רב הונא אז ער איז געקומען צו דעם פסוק האט ער געוויינט. עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט דוא זאלסט שעכטין שלמים אונ זאלסט עסין דארט אין ירושלים. אקנעכט וואס דער בעל הבית האט איהם אזוי ליב געהאט. אז ער האט געהאט ער זאל קומען עסין ביי זיין טיש. היינט זאל ער איהם אזוי פיינט האבען אז ער זאל איהם דער ווייטערין פון זיך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט צו וואס דארף איך אייערע פיל שעכטונג. רבי אלעזר אז ער איז געקומען צו דעם פסוק האט ער געוויינט. עס שטייט אין פסוק די ברידער פון יוסף האבען נים געקענט ענטפערין צו יוסף ווייל זיי זענען דער שראקין געווארין פאר זיין פנים. מאדאך אז איין מענטש שטראפט דעם אנדערין אויף זיינע זינד וואס ער האט געגין איהם געזינדיגט. ווערט ער דער שראקין. אז גאט וועט שטראפען דעם מענטש אויף זיינע זינד וואס ער האט געטאהן. וויא גרוים וועט זיין די שרעק זיינע. רבי אלעזר אז ער איז געקומען צו דעם פסוק האט ער געוויינט עס שטייט אין פסוק שמואל האט גזאגט צו שאול פאר וואס האסטו מיך דער שראקין מיך אויף צו ברענגען פון קבר. מאדאך שמואל הנביא האט מורא געהאט פר דעם משפט פון גאט. דארפען מיר דאך געוויס מורא האבען. פון וואנען ווייסען מיר אז שמואל האט מורא געהאט. דארום עס שטייט אין פסוק שאול איז געגאנגען צו אכישוף מאכערין. אונ ער האט גזאגט צו איר ברענג אויף שמואל הנביא. ווי שמואל האט אן געהויבען ארויף צו גיין. האט די כישוף מאכערין גזאגט צו שאול איך זעה צוויי גרויסע לייט אזוי ווי מלאכים גייען ארויף פון דר ערד. איינער איז געווען שמואל. אונ שמואל איז געגאנגען אונ האט מיט גענומען משה רבינו מיט זיך. ער האט גזאגט טאמער וויל מען מיך משפטין קום מיט מיר עדות זיין אז איך האב מקיים געווען אלץ וואס דו האסט געשריבען אין דיין תורה. רבי אמי אז ער איז געקומען צו דעם פסוק האט ער געוויינט. עס שטייט אין פסוק ער זאל

געבין

(איכה ג) יתן למכהו לחי ישבע בחרפה יתן בעפר פיהו אולי יש תקוה אמר כולי האי ואולי. רבי אמי כי הוה מטי להאי קרא בכי (צפניה ב) בקשו את ה' כל ענוי הארץ אשר משפטו פעלו בקשו צדק בקשו ענוה אולי תסתרו ביום אף ה' אמר כולי האי ואולי. רב (יוסף) [אסי] כי הוה מטי להאי קרא בכי (עמוס ה) שנאו רע ואהבו טוב והציגו בשער משפט אולי יחנן ה' אלהי צבאות שארית יוסף אמר כולי האי ואולי:

**כולי האי ואולי.** כל היסורין הללו יקבל ועודנו בספק אם תהיה לו תקוה: **ויש נספה בלא משפט.** יש שהולך כלה ואין עון בידו ולא היה משפטו לכלות: **ומי איכא דאזיל.** גמ' קא בעי ליה: **א"ל.** מלאך המות לשלוחו: **אייתי לי מרים מגדלא שער נשיא.** הרוג את מרים מגדלת שער הנשים: **היכי יכלת לה.** מאחר שלא הגיע זמנה: **הוה נקיטא מחתה בידה.** היתה אוחזת כלי של התנור שקורין פורגי"ן: **וקא מחריא תנורא.** היתה מכבדת את התנור: **אותבתיה אגבא דכרעא.** הושיבתו ע"ג רגלה ונכוית והורע

**ה רב** יוסף כי הוה מטי להאי קרא בכי (משלי יג) ויש נספה בלא משפט אמר ומי איכא איניש דאזיל בלא זמניה אין כי הא דרב ביבי בר אביי הוה שכיח גביה מלאך המות אמר ליה לשלוחיה זיל אייתי לי מרים מגדלא שער נשיא אזל אייתי ליה מרים מגדלא דרדקי אמר ליה אנא מרים מגדלא שער נשיא אמרי א"ל אי הכי אהדרה אמר ליה הואיל ואייתיתה תהוי במנינא ואלא היכי יכלת לה הוות נקיטא מתחרא (דף ה) וקא מחריא תנורא שקלתיה אותבתיה אגבא דכרעא איתרע קדחה ואיתרע מזלה ואייתיתה אמר לה רב ביבי בר אביי

איח

---

גיבן די באק צו דעם וואס וועט איהם שלאגען. ער זאל זאט זיין מיט שאנד. ער זאל געבין זיין מויל אין ערד. טאמער וועט ער האבען אהאפענונג. האט רבי אמי גזאגט אזוי פיל יסורים בארף מען ליידען אונ טאמער וועט זיין אהאפענונג. נאך ניט אויף געוויס איז די האפענונג. רבי אמי אז ער איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער גיוויינט. עס שטייט אין פסוק איהר זאלט בעטין גאט איהר אלע מענטשין וואס איהר זענט ביי זיך נידעריג ביז צו די ערד. וואס זיי האבען גיטאהן זיין משפט. זוכט גירעכטיגקייט זוכט פרומקייט טאמער וועט איהר פאר בארגען ווערין אין דעם טאג וואס עס וועט זיין דער כעס פון גאט. האט רבי אמי גזאגט אזוי פיל זאל מען טאהן אונ טאמער וועט מען פאר בארגען ווערין פון דעם כעס פון גאט. נאך ניט אויף געוויס. רב אסי אז ער איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער גיוויינט. עס שטייט אין פסוק איהר זאלט פיינט האבען צו טאהן שלעכטס. איהר זאלט ליב האבען צו טאהן גוטס. איהר זאלט שטעלען אין טויער פון שטאט דיינים צום משפטין. טאמער וועט גאט רחמנות האבען אויף די איבערבלייבונג פון יוסף. הט רב אסי גזאגט אזוי פיל זאל מען טאהן. אונ טאמער וועט גאט רחמנות האבען. נאך ניט אויף געוויס:

**ה** רב יוסף אז ער איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער גיוויינט. עס שטייט אין פסוק אמענטש ווערט אמאהל פאר לענדט אן אעבירה. אונ זיין משפט איז גאר ניט גיוועזן ער זאל פאר לענדט ווערין. ווער ווארט אמר האט רב יוסף גזאגט. דארף ניט שטיין אין דער גמרא. ווארום ניט רב יוסף פרעגט. נאר די גמרא פרעגט גייט דען אמאהל אמענטש אוועק פון דער וועלט פר זיין צייט. ענטפערט די גמרא יא. ווארום דער מלאך המות פלעגט אפטע מאהל קומען צו רב ביבי בר אביי. אמאהל האט דער מלאך המות גזאגט צו זיין שליח גיי ברייננג מיר די מרים וואס פלעגט די ווייבער זייערע האר. איז דער שליח גיגאנגען אונ האט אים גיבראכט די מרים וואס פלעגט אדעווען קליינע קינדער. האט דער מלאך המות גיזאגט צו זיין שליח איך האב דאך דיר גזאגט דוא זאלסט מיר ברייננען די מרים וואס פלעכט די ווייבער זייערע האר. ווארום האסטו מיר גיבראכט איין אנדערע מרים. האט דער שליח גזאגט איך וועל איר צוריק לעבעדיג מאכען. הט דער מלאך המות גזאגט ווייל דו האסט איר שוין גיבראכט. זאל זיא אויך זיין צום רעכענונג. נאר זאג מיר ווי אזוי האסטו זיא גיקענט הרגנן. הט דער שליח גזאגט זי האט גיהאלטען אקאטשערע אונ האט אויס גיקערט דעם הויבען. האט זיא גינומען די קאטשערע אונ האט זיא גילייגט אויף איר פוס. האט איר אברען גיטאהן דיא פוס.

איז

את לכו רשותא למעבד הכי אמר ליה ולא כתיב ויש נספה בלא משפט אמר ליה ולא כתיב (קהלת א) דור הולך ודור בא (והארץ לעולם עומדת) אמר ליה דרעינא להו אנא עד דמלו לדרא והדר משלימנא להו לדומה סוף סוף שניה מאי עבדת להו א"ל אי איכא צורבא מרבנן (שאינו עומד על מדותיו מוספינא להו ליה נ"א) דמעביר במליה מוסיפנא להו ליה והויא חלופיה. רבי יוחנן כי הוה מטי להאי קרא בכי (איוב ב) ותסיתני בו לבלעו חנם עבד שרבו מסיתין אותו עליו וניסת תקנה יש לו. רבי יוחנן כי הוה מטי להאי קרא בכי (איוב טו) הן בקדושיו לא יאמין ושמים לא זכו בעיניו אם בקדושיו לא יאמין במאן יאמין יומא חד הוה אזיל באורחא חזייה להחוא גברא דהוה קא מנקיט תאני שביק הנך דבשו ושקיל הנך דלא בשו אמר ליה הני מעליא טפי אמר ליה הני לאורחא קא בעינא להו הני נטרן והני לא נטרן אמר היינו דכתיב הן בקדושיו לא יאמין. איני והא ההוא תלמידא דהוי בשיבבותיה דרבי אלכסנדראי דשכיב אדווטר אמר אי בעי האי מרבנן הוה

מולא: דרעינא להו אנא. אני מוסיף לשומר המתים ששמו דומה אלא מתגלגלים עמי ושהים בעולם עד שימלאו שנותיו והוא קרוי דור: דמעביר במליה. מעביר על מדותיו: ומתו. שנתבשלו: כמי מינסר. אותן שלא נתבשלו כל צרכן אין ממהרות לירקב: סימן דכתיב וכו'. בשיבות ירא מן ירקבו אף

---

איז שלעכט געווארען איר מזל האב איך איר גיהרגת. האט רב ביבי בר אביי גזאגט צום מלאך המות מענט איר אזוי טאהן. האט דער מלאך המות גזאגט שטייט דען ניט אין פסוק אמענטש ווערט אמאהל פאר לענדט אן עבירה. אונ זיין משפט איז גאר ניט געוועזן ער זאל פר לענדט ווערין. האט רב ביבי גזאגט שטייט דען ניט אדור גייט אוועק פון דער וועלט אונ אדור קומט אויף דער וועלט. גייט דאך אוועק פון דער וועלט נאר אגאנצער דור. אז זייא לעבין אויס זייערע יאהרין. האט דער מלאך המות גזאגט איך ווארט מיט דיא מתים וואס שטארבען פאר דער צייט. ביז עס ווערט פול זייערע יאהרין. זייא שוועבין מיט מיר אויף דער וועלט. למשל ער האט גידארפט לעבין זיבעציג יאהר. אונ ער איז געשטארבען צו דרייסיג יאהר. שוועבט ער מיט מיר פערציג יאהר. ביז עס ווערט אגאנצער דור. דער נאך גיב איך איהם צום מלאך דומה. וואס ער איז דער היטער פון די מתים. האט רב ביבי גיפרעגט צום מלאך המות וואס טוהסטו מיט זייערע יאהרין. האט דער מלאך המות גזאגט אויב עס איז דא אלמדן וואס ער איז מוחל צו די מענטשין וואס זינדיגען געגין איהם. אים גיב איך די יאהרין אונ דער מענטש ווערט גיטאהשט אויף דעם מענטש. רבי יוחנן אז ער איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער גיוויינט. עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צום שטן דוא האסט מיך אן גירעט איך זאל פאר דארבען איוב אומזיסט. וואס ער האט גאר ניט גזינדיגט. אקנעכט וואס האט אזוי אבעל הבית אז מען רעט איהם אן ער זאל דעם קנעכט שלעכטס טאהן. ווערט ער איבער גירעט אונ טוהט שלעכטס צום קנעכט אפילו דער קנעכט האט גאר ניט געזינדיגט. איז דאך דעם קנעכט ניט גוט. רבי יוחנן אז ער איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער גיוויינט. עס שטייט אין פסוק גאט גלויבט ניט זיינע הייליגע אונ די הימלען זענען ניט ריין פון זינד אין זיינע אויגען. אויב גאט גלויבט ניט זיינע הייליגע. וועמען גלויבט ער. אמאהל איז רבי יוחנן גיגאנגען אין וועג. האט ער גיזעהן אמענטש קלייבט פייגען פון זיין פייגען בוים. אונ די צייטיגע פייגען לאזט ער אויף דעם בוים. אונ די ניט צייטיגע רייסט ער אפ. האט רבי יוחנן צו איהם גזאגט די צייטיגע פייגען זענען דאך בעסער. האט דער מענטש גזאגט איך דארף די פייגען מיט נעמען אין וועג. די ניט צייטיגע וועלען קענען ליגען אונ די צייטיגע וועלען קאליע ווערין. האט רבי יוחנן גזאגט דריבער שטייט אין פסוק גאט גלויבט ניט די הייליגע. אז גאט זעהט עס איז דא יונגע לייט גרויסע צדיקים נעמט ער זיי באלד צו פון דער וועלט. טאמער וועלען זיי זינדיגען. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. אתלמיד האט אמאהל גיוואוהנט נאענט פון רבי אלכסנדראי. אונ דער תלמיד איז געשטארבען ווען ער איז גיוועזן יונג. האט רבי אלכסנדראי גזאגט אז דער תלמיד וואלט וועלען גיין אין גאטעס וועג וואלט ער גילעבט. אז

ער

הוה חיי ואם איתא דילמא מהן בקדושיו לא יאמין הוה ההוא טבעם ברבותיו הוה :

ר רבי יוחנן כי מטי להאי קרא הוה בכי (מלאכי ג) וקרבתי אליכם למשפט והייתי עד ממהר במכשפים ובמנאפים ובנשבעים לשקר ובעושקי שכר שכיר אלמנה ויתום ומטי גר ולא יראוני אמר ה' צבאות עבד שרבו מקרבו לדונו וממהר להעידו תקנה יש לו . אמר רבי יוחנן (בן זכאי) אוי לנו ששקל עלינו הכתוב קלות כחמורות . אמר רבי שמעון בן לקיש כל המטה דין של גר כאלו מטה דינו של מעלה מטה גר מטי כתיב . אמר רבי חנינא בר פפא כל העושה דבר ומתחרט בו מוחלין לו (על כל עונותיו) מיד שנאמר ולא יראוני הא יראוני מוחלין לו מיד. רבי יוחנן כי הוה מטי להאי קרא בכי (קהלת יב) כי את כל מעשה האלהים

שהמורים הצדיקים אחוים לומר (קודם שיחטאו) ואף יחטאו] : אחוזי . במודו בחור : טבעם ברבותיו הוה . רבי אלכסנדרי היה מכיר בו (שאינו) [שלא היה מן הקדושים ונטעם ברבותיו הוה וכתיב וטוב לא יהיה לרשע ולא יאריך ימים כצל אשר איננו ירא מלפני אלהים והמיה בקדושין מוכח זה איני יודע מהו כשהוא אומר והדרת פני זקן ויראת מאלהיך הוי אומר זה כיבוד חכמים : קלות כחמורות . עושקי שכר שכיר כמכשפים וכמנאפים : ומטי גר ולא יראוני בהאי קרא כתיב : כי את כל מעשה האלהים יביא במשפט . על כל הנעלמות ממנו שעשה שוגג הוא מביאו במשפט

---

ער איז געשטארבען יונג . איז געוויס אז ער איז ניט פרום געוועזען . איז דאך די קשיא אויב עס איז ווי רבי יוחנן זאגט טאמער איז דער תלמיד געוועזען א גרויסער צדיק . און ער איז געוועזען פון די הייליגע וואס גאט נעמט זיי צו פאר די צייט טאמער וועלען זיי זינדיגען . זאגט די גמרא רבי אלכסנדראי האט געקענט דעם תלמיד און ער האט געוואוסט אז דער תלמיד איז ניט געוועזען פון די הייליגע . ווארום ער האט ניט געגעבען כבוד צו די רבנן . און אין פסוק שטייט דעם רשע וועט ניט זיין גוט און ער וועט ניט לאנג לעבען . ער וועט זיין אזוי ווי א שאטען . ווייל ער האט ניט מורא פאר גאט . זאגט די גמרא וואס מיינט מען ער האט ניט מורא פאר גאט . ער גיט ניט קיין כבוד צו תלמידי חכמים . ווארום אין פסוק שטייט דוא זאלסט בשיינען דעם פנים פון אזקן (פון אלטען) און דוא זאלסט מורא האבען פאר גאט . און אז ער בשיינט ניט דעם למדן . דאס הייסט ער האט ניט מורא פאר גאט . וועט ער שטארבען פאר דער צייט :

ר רבי יוחנן אז ער איז געקומען צו דעם פסוק האט ער געוויינט עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל גענעגען צו אייך איך זאל אייך משפטין . און איך וועל זיין א געשווינטער עדות אויף די וואס מאכען כישוף און אויף די וואס זענען מזנה . און אויף די וואס שווערען פאלש . און אויף דיא וואס בצאהלען ניט דעם ארבעטער זיין לוין געלט . אז ער האט גידונגען אן אלמנה אדער אן יתום זיי זאלען ביי איהם ארבעטען . האט ער זיי ניט בצאהלט זייער לוין געלט . און זיי גייען אפ דעם משפט פון א גר . זיי פסקנען זיין דין פאלש צו נעמען ביי איהם געלט אומזיסט . און פאר מיר האבען זיי קיין מורא ניט זאגט גאט . זאגט רבי יוחנן א קנעכט וואס זיין בעל הבית קומט צו איהם ער זאל איהם משפטין . און ער איילט עדות צו זאגען אויף איהם זיינע עבירות . איז דאך דעם קנעכט ניט גוט . רבי יוחנן בן זכאי זאגט וויי צו אונז אז גאט שטראפט אויף דיא גרינגע עבירות ואז מען בצאהלט ניט דעם ארבעטער זיין לון געלט גלייך אויף די שווערע עבירות . ואז מען מאכט כישוף אדער מען איז מזנה . רבי שמעון בן לקיש זאגט דער דיין וואס פסקנט אפאלשען דין צו א גר . איז גלייך ווי ער וואלט גיפסקנט אפאלשען דין צו גאט . ווארום עס שטייט אין פסוק מטי גר . מטי איז טייטש ער האט קיין דין אפ גינייגט . זאגט גאט . רבי חנינא בר פפא זאגט דער וואס טוהט א עבירה און ער האט חרטה וואס ער האט גיטאהן . און זאגט ער וועט שוין ניט טאהן . איז מען איהם באלד מוחל . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל זיי שטראפען ווייל זיי האבען ניט מורא פאר מיר . אבער אז זיי וואלטען פאר מיר מורא גיהאט וואלט איך זיי באלד מוחל גיוועזען . רבי יוחנן אז ער איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער גיוויינט . עס שטייט אין

האלהים יביא במשפט על כל נעלם אם טוב ואם רע אמר עבד שרבו שוקל לו שגגות כזדונות תקנה יש לו. מאי על כל נעלם אמר רב זה ההורג כנה בפני חברו ונמאס בה. ושמואל אמר זה הרק בפני חברו ונמאס בה. מאי אם טוב ואם רע אמר רבי ינאי זה הנותן צדקה לעני בפרהסיא כי הא דרבי ינאי חזייה להוא גברא דיהיב זוזא לעניא בפרהסיא אמר ליה מוטב דלא יהבת ליה מהשתא דיהבת ליה אכסיפתיה דבי רבי שילא אמרי זה הנותן צדקה לאשה בסתר דקא מייתי לה לידי חשדא (רב) [רבא] אמר זה המשגר בשר לאשתו שאינו מחותך בערבי שבתות איני והא רבא משדר שאני בת רב חסדא דקים ליה בגוה [דבקיעת]:

על כל נעלם. אפילו דבר מועט במשמע: ונמאס. קץ דעת חברו בדבר: מאי אם טוב ואם רע. דמשמע אף על הטובה שעשה מביאו במשפט: שאינו מהוגן. שאינו מתוקן מן הגזל ומן הנידון לאסורין: בערבי שבתות. שמתוך שהן טרודין לתקן ערבי שבת אין נותנין לב אם מתוקן הוא: צרות זו לזו. לשון וכעסתה צרתה גם כעס וגו':

ז רבי יוחנן כי הוה מטי להאי קרא בכי (דברים לא) והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות אמר עבד שרבו ממציא לו רעות רבות תקנה יש לו. מאי רעות רבות וצרות אמר רב רעות שנעשו צרות זו לזו כגון

---

אין פסוק אויף אלץ וואס דער מענטש האט געטאהן וועט איהם גאט ברייגגען צום משפט. אפילו אויף די זאכען וואס זענען געוועזען פאר בארגען פון איהם. ער האט זיי געטאהן אומגעריין, סיי גוט און סיי שלעכט. וועט איהם אלץ גאט ברייגגען צום משפט. האט רבי יוחנן גזאגט אקנעכט וואס דער בעל הבית שטראפט איהם אויף אשוגג אזוי ווי אויף אמזיד, קען איהם דען גוט זיין. זאגט די גמרא וואס מיינט מען אויף אלע פאר בארגענע זאכען. וואס איז דער ווארט אלע. האט רב געזאגט אפילו אז איינער הרג'ט אכנה פאר זיין חבר. און דער חבר מיאוסט זיך. ווערט ער אויך געשטראפט. און שמואל זאגט אפילו איינער שפייט פאר זיין חבר. און דער חבר מיאוסט זיך. ווערט ער אויך געשטראפט. וואס מיינט מען סיי גוט און סיי שלעכט. אמאהל ווערט מען אויף גוט אויך געשטראפט. זאגט רבי ינאי דאס מיינט מען אז איינער גיט צדקה צו אארעם מאן און פיל מענטשין זעהן. ער האט געגעבען צדקה און ער ווערט געשטראפט וואס ער האט פאר שעמט דעם ארעם מאן. רבי ינאי האט אמאל געזעהן איינער האט געגעבען אגילדען צו אארעם מאן ווען פיל מענטשין זענען דער ביי געשטאנען. האט רבי ינאי געזאגט צו דעם מענטש בעסער וואלט געוועזן דו וואלסט איהם דעם גילדען ניט געגעבען ווי דו האסט איהם געגעבען און האסט איהם פאר שעמט. דבי רבי שילא זאגען דאס מיינט מען אז איינער גיט צדקה צו אאשה אין דער שטיל: האט ער איר געטאהן אטובה ער האט געגעבען געלט. ער האט איר אבער געטאהן ארעה מען וועט איר חושד זיין אז זי איז מזנה מיט איהם. רבא זאגט דס מיינט מען אז איינער שיקט פלייש צו ווייב ניט געשרייבערט ערב שבת. האט ער דאך געטאהן אמצוה ער הט אן גיגרייט פלייש אויף שבת. עס וועט אבער קומען צו אעבירה. ווייל מען וועט זיך איילען צו קאכען אויף שבת וועט מען ניט אכטונג געבין אז עס איז ניט געשרייבערט און מען וועט קאכען די פלייש מיט די אדערין וואס מען טאר ניט עסין און מיט די חלב. פרעגט די גמרא רבא אליין פלעגט דאך שיקען צו זיין ווייב פלייש ניט געשרייבערט ערב שבת. ענטפערט די גמרא די ווייב פון רבא איז געוועזען א טאכטער פון רב חסדא. האט רבא געוואוסט אז זיא וועט גוט אכטונג געבין אויב די פלייש איז געשרייבערט:

ז רבי יוחנן אז ער פלעגט קומען צו דעם פסוק האט ער געוויינט. עס שטייט אין פסוק און עס וועט זיין אז איהם וועט טרעפען פיל שלעכטס און צרות. הט רבי יוחנן געזאגט אקנעכט וואס דער בעל הבית ברייגגט אויף איהם פיל צרות. איז דאך דעם קנעכט ניט גוט. פרעגט די גמרא וואס מיינט מען פיל שלעכץ און צרות. שלעכץ און צרות איז דאך אלץ איינס. האט רב געזאגט מען מיינט אזעלכע שלעכץ וואס זייא זענען צרות איינע צו די אנדערע. אז מען וויל

העלפען

כגון זבודא ועקרבא . ושמואל אמר זה הממציא מעות לעני בשעת דחקו . אמר רבא היינו דאמרי אינשי ווזי לעללא לא שכיח לתליתא שכיח . (שם) וחרה אפי בו ביום ההוא ועזבתים והסתרתי פני מהם אמר רב ברדלא בר טביומי אמר רב כל שאינו בהסתר פנים אינו מהם כל שאינו בוהיה לאכול (שם ע"ב) אינו מהם . אמרו ליה רבנן (לרבה) [לרבא] מר לא בהסתר פנים איתיה ולא בוהיה לאכול איתיה אמר להו ומי ידעיתו כמה משדרנא בצינעא לבי שבור מלכא אפילו הכי יהבו ביה רבנן עינייהו אדהכי שדור דבי שבור מלכא ורבוהו [אמר] היינו דתניא רבן שמעון בן גמליאל אומר כל מקום שנתנו בו חכמים עיניהם או עוני או מיתה . (דברים לא) ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא אמר רבא אמר הקב"ה אף על פי שהסתרתי פני מהם (דכתיב (שמות לג) ודבר ה' אל משה פנים אל פנים אותם הפנים אסתיר אבל) בחלום אדבר בו רב יוסף אמר ידו נטויה עלינו

**פירוש**

שני נשים יחד : זה הממציא מעות לעני . לעיל קאי אם טוב ואם רע זה הרגיל להמציא צדקה לעני בשעת הדחק ולא בשעה שקודם הדחק שיכול לבקש מזונותיו ולקנותן בשעת הזול : לעללא . לקטות השבולת כדמתרגמינן ופלגא חרמש לא יתא . להפסד ולאבוד כך שמעתי ול"נ לקנות בשעת הדחק מזון בעת שכלת אוכל בכלו כדאמרינן הלא סילותיה וסיא מזוני הלא בביתאו קשה לעניותא : אינו מהם . מזרע ישראל דכתיב והסתרתי פני מהם היינו הסתר פנים שעסק מצרות הבאות עליו ואינו נענה שלא ימצאו : והיה לאכול . שהנכרים אוכלים (ממנו) וממונו : גרבוהו . שללוהו : (כ"מ שנתנו חכמים עיניהם . סוטה פ' עגלה ערופה) : בחלום אדבר בו . ביום ההוא קא דייק ביום ולא בלילה שמראים לו חלום כדי שיתפלל על הדבר : ידו נטויה עלינו .

---

העלפען צו איין שלעכץ . ווערט פר גרעסערט די אנדערע שלעכץ . אזוי וויא זבורא אונ עקרבא . דהיינו עס וועט איינעם אבים טאהן אבין אונ אענדים אויף איין ארט . צו דעם בים פון אבין איז ארפואה קאלטע וואסער . אונ צוא דעם בים פון אענדים איז ארפואה ווארעמע וואסער . ווען מען איהם הייצען מיט ווארעמע וואסער . וועט פאר ערגערט ווערין דער בים פון בין . ווען מען איהם הייצען מיט קאלטע וואסער . וועט פאר ערגערט ווערין דער בים פון ענדים . אונ שמואל זאגט דער וואס גיט צדקה צום ארעם מאן ווען איהם איז גאנץ איינג . דס איז א טובה מיט א רעה . ער האט גיטאהן א טובה ער האט איהם גיגעבין אגילדען . אבער ווען מען בעקומט שוין גיט צו קויפען . אז ער וואלט איהם אבער גיגעבין דעם גילדען פריער וואלט ער דאך בקומען פאר איהם וואס צוא קויפען . האט רבא גזאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין מען זאל געבין א ארעם מאן געלט ער זאל קויפען א ביסעל קארין ער זאל האבען וואלוועלע ברויט . דאס טוהט מען גיט . מען גיט איהם נאר געלט צו קויפען א שטיקיל ברויט פון בעקער . וואס דאס קאסט טייערער ווי דער ארעם מאן וואלט אליין גיבאקט זיין ברויט . אין פסוק שטייט גאט זאגט מיין כעס וועט אויף איהם ברענען אין דעם טאג אונ איך וועל זיי פאר לאזען אונ איך וועל פאר בארגין מיין פנים פון זיי . רב ברדלא בר טביומי האט גזאגט פון רבס וועגין דער וואס גאט האט פון איהם ניט פאר בארגין זיין פנים איז ער ניט קיין יוד . דער וואס ווערט ניט גיגעסען פון די פעלקער . איז ער ניט קיין יוד . די רבנן האבען גזאגט צו רבא גאט האט פון דיר ניט פאר בארגען זיין פנים . אונ דוא ווערסט ניט גיגעסען פון די פעלקער . דוא ביסט רייך . האט רבא צו זיי גזאגט ווייסט איר דען ווי פיל איך שיק אין דער שטיל צו שבור מלכא . צום מלך פון פרס . פון דעסטוועגין האבען די רבנן גיגעבין בייערע אויגען אויף רבא . זיי האבען איהם מקנא גיוועזן . דער ווייל האט געשיקט שבור מלכא צו רבא אונ מען האט ביי איהם צוועק גינומען זיין פאר מעגין . האט רבא גזאגט דאס איז וואס מיר האבען גילערונט רבן שמעון בן גמליאל זאגט וואו די חכמים גיבען זייערע אויגין . דעם מענטשין וואס די חכמים קוקען אן צו בייזען . אדער ער ווערט ארעם אדער ער שטארבט . אין פסוק שטייט גאט האט גזאגט אונ איך וועל פאר בארגען מיין פנים אין דעם טאג . האט רבא גזאגט גאט האט גזאגט אפילו איך האב פאר בארגין מיין פנים פון זיי . פון דעסטוועגין דורך חלומות וועל איך מיט זיי רידין . רב יוסף זאגט די האנט פון גאט איז גינייגט אויף אונז צו בשיצען אונז . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיט דעם שאטען פון מיין האנט האב

איך

עלינו (להגין) שנאמר (ישעיה נא) ובצל ידי כסיתיך. רבי יהושע בן חנניה הוה קאי בי קיסר אחוי ליה ההוא מינאה עמא דאהדרינהו מריה לאפיה מיניה אחוי ליה איהו ועוד ידו נטויה עלינו (להגין) אמר ליה קיסר לרבי יהושע בן חנניה מאי אחוי לך עמא דאהדרינהו מריה לאפיה מיניה ומאי אחוית ליה הכי והכי אמר ליה להההוא מינאה מאי אחוית ליה אמר ליה עמא דאהדרינהו מריה לאפיה והוא מאי אחוי לך אמר לא ידענא אמר גברא דלא ידע מאי אחוי ליה מחוה במחוג קמיה מלכא אפקוה לההוא מתאה וקטלוה. כי קא ניחא נפשיה דרבי יהושע בן חנניה אמרי ליה רבנן מאי תיהוי עלן מן מינאי אמר להו (ירמיה מט) אבדה עצה מבנים נסרחה חכמתם כיון דאבדה עצה של בנים נסרחה חכמתם של אומות העולם ואי בעית אימא מהכא (בראשית לג) **ואמר** נסעה ונלכה ואלכה לנגדך. רבי אילא הוה סליק ואזל בדרגא דבי (רבא) [רבה] בר שילא שמעיה לההוא ינוקא דהוה קא קרי (עמוס ד) כי הנה יוצר הרים ובורא רוח ומגיד לאדם מה שחו אמר עבד שרבו מגיד לו מה שחו תקנה יש לו מאי מה שחו אמר רב אפילו שיחה יתירה

למגן: אחוי ליה. ע"י סימן רמז לו שהחזיר פניו: במחוג ברמז: מינאי. שאינם מאמיני לדברי רז"ל: נסרחה חכמתם. בפסוק כתיב שאין עוד חכמה בתימן אבדה עצה מבנים וגו': לנגדך. אלך בשוה: שיחה יתירה. דברי שחוק שלפני המטה

---

איך דיך צו גרעקט. רבי יהושע בן חנניה איז אמאהל געשטאנען פאר דעם קיסר. האט אאפיקורוס געוויזען צו רבי יהושע מיט אווינק אז ער איז אפאלק וואס גאט האט אפ געקערט זיין פנים פון איהם. האט רבי יהושע איהם צוריק געוויזען מיט אווינק דיא האנט פון גאט איז גינייגט איף אונז צו בשיצען אונז. האט דער קיסר געזאגט צו רבי יהושע בן חנניה וואס האט דיר דער מענטש געוויזען. האט רבי יהושע געזאגט ער האט מיר געוויזען אז מיר זענען אפאלק וואס גאט האט אפ געקערט זיין פנים פון אונז. האט דער קיסר געזאגט צו רבי יהושע וואס האסטו איהם געוויזען. האט רבי יהושע געזאגט איך האב געוויזען אז גאט בשיצט אונז. דער נאך האט דער קיסר געזאגט צום אפיקורוס וואס האסטו געוויזען צו רבי יהושע. האט דער אפיקורוס געזאגט איך האב געוויזען אז די יודען זענען אפאלק וואס גאט האט אפ געקערט זיין פנים פון זיי. זאגט דער קיסר צום אפיקורוס וואס האט רבי יהושע דיר געוויזען. האט דער אפיקורוס געזאגט איך ווייס ניט. האט דער קיסר געזאגט אמענטש וואס ווייס ניט וואס מען ווייזט איהם מיט אווינק. זאל ער שטיין פאר אקיסר. האט מען דעם אפיקורוס ארוס געפירט פון מלך און מען האט איהם גיהרגעט. איידער רבי יהושע בן חנניה איז געשטארבען. האבען דיא רבנן געזאגט צו איהם וואס וועלען מיר טאהן מיט די אפקורסים. עס איז ניטא צווישען אונז ווער עס זאל קענען ענטפערין אויף זייערע קשיות. האט רבי יהושע געזאגט צו דיא רבנן עס שטייט אין פסוק אבדה עצה מבנים נסרחה חכמתם. אז ביי די קינדער וביי דיא יודען איז פאר לארען געווארען די חכמה. איז פאר שטונקען געווארען די חכמה פון דיא פעלקער. אדער פון דעם פסוק עשו האט געזאגט צו יעקב מיר וועלען ציהען און מיר וועלען זיין און איך וועל גיין גלייך מיט דיר. אזוי לאנג ווי יודען האבען גיהאט חכמה צו ענטפערין. האבען די אפקורסים גיהאט חכמה צו פרעגין. אז די יודען וועלען ניט האבען חכמה צו ענטפערין. וועלען די אפקורסים ניט האבען חכמה צו פרעגין. רבי אילא איז ארויף געגאנגען אויף די טרעפ פון רבה בר שילא. האט ער געהערט ווי אקינד לייענט אפסוק גאט האט בשאפען די בערג און ער האט בשאפען דעם ווינט. און ער זאגט צום מענטשין וואס ער שמועסט. האט רבי אילא געזאגט אקנעכט וואס דער בעל הבית זאגט איהם וואס ער שמועסט. אז דער קנעכט האט נאר געשמועסט וואס מען דארף ניט. שטראפט איהם דער בעל הבית. קען ער עפעס האבען אהילף. וואס מיינט מען וואס ער שמועסט. האט רב געזאגט אפילו אאיבעריגען ווארט וואס עס ווערט געשמועסט צווישען מאן און ווייב פון געלעכטער. זאגט מען דעם מענטשין ווען ער שטארבט. מען רעכענט דאס איהם צווישען דיא עבירות:

יתירה שבין איש לאשתו מגידין לו בשעת סיחה איני והא רב כהנא הוה גני תותי פורייה דרב כו׳ (אין צורך לכתבו). (ירמיה יג) ואם לא תשמעוה במסתרים תבכה נפשי מפני גוה מאי במסתרים אמר רב שמואל בר (איויא) [איניא] משמיה דרב מקום יש לו להקדוש ב״ה שבוכה בו ומסתרים שמו ומאי מפני גוה אמר רב [שמואל בר] יצחק מפני גאותן של ישראל שנטלו מהם ונתנה לאומות העולם רבי שמואל בר נחמני אמר מפני גאוה של מלכות שמים שנטלה ומי איכא בכיה קמיה דקודשא ב״ה והא אמר רב פפא אין עצבות לפני המקום שנאמר (ד״ה א טז) עוז וחדוה במקומו לא קשיא הא בבתי גואי הא בבתי בראי ובבתי בראי ליכא עצבות והא כתיב (ישעיה כב) ויקרא אדני ה׳ צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד ולקרחה ולחגור שק שאני חרבן בית המקדש דאפילו מלאכי (השרת) [שלום] בכו שנאמר (שם לג) הן אראלם צעקו חוצה מלאכי שלום מר יבכיון. (ירמיה יג) ודמוע תדמע ותרד עיני דמעה כי נשבה עדר ה׳ אמר רבי אלעזר שלשה דמעות הללו למה אחת על מקדש ראשון ואחת על מקדש שני ואחת על ישראל שגלו ממקומן ואיכא דאמרי אחת על ביטול תורה. בשלמא למאן דאמר על ישראל שגלו ממקומן היינו דכתיב כי נשבה עדר ה׳ אלא למאן דאמר אחת

גנתי גולי. היכא כדכתיב במסתרים תבכה: הכי ובבתי בראי ליכא הא כתיב ויקרא וגו׳. ובל קריחה

על

---

אין פסוק שטייט גאט זאגט אויב איר וועט ניט צוא הערין וועל איך וויינען אין פאר בארגענעש פאר די גרויסקייט. וואס מיינט מען אין פאר בארגענעש. האט רב שמואל בר איניא גזאגט פון רבס וועגין גאט האט אארט וואו ער וויינט דארט. דער ארט הייסט מסתרים, פאר בארגענעש. וואס מיינט מען פאר די גרויסקייט. האט רב שמואל בר יצחק גזאגט ווייל עס איז צו גינומען געווארען ביי די יודען זייער גרויסקייט. אונ עס איז אוועק גיגעבען געווארען צו די פעלקער. רבי שמואל בר נחמני זאגט ווייל עס איז צו גינומען געווארען דיא גרויסקייט פון די הימעלשע מלוכה: פרעגט די גמרא איז דען דא אגיוויין פאר גאט. רב פפא האט דאך גזאגט עס איז ניטא קיין טרויערקייט פאר גאט. ווארום עס שטייט אין פסוק שטארקייט אונ פרייד איז אויף דעם ארט וואו גאט איז. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא אין דיא אינווייניגסטע שטובען וויינט מען. אין די אויס ווייניגסטע שטובען איז פרייד. פרעגט די גמרא אין די אויסווייניגסטע שטובען איז ניטא קיין טרויערקייט. עס שטייט דאך אין פסוק גאט האט גירופען אין דעם טאג צו אגיוויין אונ צו אקלאג אונ צו אאויס פליקונג די האר פון קאפ אונ ארום צו גארטלען זיך מיט אזאק אזוי דער נביא זאגט גאט האט גירופען. האט מען דאך גיהערט אין די אויס ווייניגסטע שטובען אויך דעם גיוויין. ענטפערט די גמרא אויף דעם חורבן בית המקדש איז אנדערש. אפילו די מלאכים פון שלום וויינען אויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די מלאכים האבען געשריגען אין די אויסווייניגסטע שטובין. די מלאכים פון שלום האבען ביטער גיוויינט, אין פסוק שטייט פון מיינע אויגען נידערין טרערין ווייל דיא סטאדע פון גאט איז גיפאנגען גיווארען. רבי אלעזר זאגט פאר וואס שטייט אין פסוק דער מאנט דריי מאהל דערווארט טרערין. אויף וואס זענען די דריי ערליי טרערין. איין מאהל אויף דעם ערשטין בית המקדש. אונ איין מאהל אויף דעם אנדערין בית המקדש. אונ איין מאהל אויף דיא יודען וואס זיי זענען פר טריבען גיווארען פון זייער ארט. אונ אנדערע זאגען דיא דריטע ערליי טרערין איז אויף דעם וואס מען לערנט ניט די תורה. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז די טרערין זענען אויף די יודען וואס זיא זענען פאר טריבען גיווארען פון זייער ארט, איז רעכט וואס עס שטייט אויס געפירט אין פסוק ווארום דיא סטאדע פון גאט איז גיפאנגען גיווארין. אבער נאך דעם וואס זאגט אז דער פסוק ודמוע תדמע ותרד עיני דמעה מיינט דיא טרערין זענען אויף דעם וואס מען לערנט ניט די תורה. וואס שטייט אויס געפירט אין פסוק ווארום דיא סטאדע פון גאט איז גיפאנגען גיווארען. ענטפערט דיא גמרא ווייל דיא יודען זענען פאר טריבען גיווארין פון זייער ארט. דורך דעם איז

גישטערט

על ביטול תורה מאי כי נשבה עדר ה' כיון שגלו ישראל ממקומן אין לך ביטול תורה גדול מזה . תנו רבנן ג' דברים הקב"ה בוכה עליהם בכל יום על מי שאפשר לו לעסוק בתור' ואינו עוסק ועל מי שאי אפשר לו לעסוק בתורה ועוסק ועל פרנס המתגאה על הצבור (בחנם) . רבי הוה נקט ספר קינות וקרי בגויה כי מטי להאי פסוקא (איכה ב) השליך משמים ארץ תפארת ישראל נפל ספרא מידיה אמר מאיגרא רם לבירא עמיקתא . רבי ורבי חייא הוו שקלי ואזלי באורחא כי מטו להאי מתא אמרי אי איכא צורבא מרבנן הכא ניזיל ונקבל אפיה אמרי להו איכא צורבא מרבנן הכא ומאור עינים הוא אמר ליה רבי חייא לרבי תיב את הכא ולא תזלזל בנשיאותך איזיל אנא ואקביל אפיה תקפיה ואזיל בהדיה כי הוו מיפטרי מקמיה אמר להם אתם הקבלתם פנים הנראים ואינם רואים הזכו ותקבלו פני שכינה הרואה ואינו נראה אמר ליה רבי לרבי חייא איכו השתא מנעתני מהאי ברכתא . אמר ליה רבי חייא ממאן שמיע לך כפרקיה דרבי יעקב שמיע לי דרבי יעקב איש כפר חטיא הוה רגיל דהוה מקבל אפיה דרביה כל יומא כי קש אמר ליה לא ליצטער מר דלא יכיל מר אמר ליה מי זוט מאי דכתיב בהו ברבנן (תהלים מט) ויחי עוד לנצח לא יראה השחת (מה טעם לא יראה, כי יראה חכמים ימותו מה הרואה חכמים במיתתן כך בחייהם

השמעת קול הוא : מאיגרא רם לבירא עמיקתא . כמה גדולה נפילה זו ואין לך בור עמוק (גגה) גבוה כמשמים לארץ : תקפיה . רבי לרבי חייא ואזיל רבי בהדיה : כי הוו מיפטרי מקמיה . שנפטו ממנו רשות : אי כו השתא . אם לא הלכתי עמך והאמנתי לך מנעתני מברכה זו : ממאן שמיע לך . כלומר מגדולה כל כך הקבלת פנים : כי קש . כשהזקין רבי יעקב : הוה רגיל וכו'. מפסך שלשה הדסים היה מניחו לגביה רבו ושמע מניחו אחר

גישטערט געווארין וואס מען לערנט ניט דיא תורה . דיא רבנן האבען גילערנט אויף דריי זאכען וויינט גאט אלע טאג . אויף דעם מענטש וואס האט צייט צו לערנען תורה . אונ ער לערנט ניט . אונ אויף דעם מענטש וואס האט ניט צייט צו לערנען תורה . אונ לערנט יא . אונ אויף אפירער פון א שטאט וואס ער ווייזט זיין גרויסקייט אויף די מענטשין פון שטאט . רבי האט גיהאלטען א מגילה איכה אונ האט גילייענט אין איר . ווי ער איז גיקומען צום פסוק השליך משמים ארץ תפארת ישראל . גאט האט אראפ גיווארפען פון הימעל אויף די ערד די שיינקייט פון יודען . איז די מגלה ארוים גיפאלען פון זיין האנט . האט רבי גזאגט יודען זענען אראפ גיפאלען פון א הויכען בוידים (פון הימעל) אין א טיפען גרוב (ביז טיף אין די ערד) . ווייל יודין אין גלות זענען נידעריגער פון אלע פעלקער . רבי אונ רבי חייא זענען אמאהל גיגאנגען אין וועג . אז זיי זענען גיקומען צו א שטאט האבען זיי גיפרעגט איינער צום אנדערין אויב אין די שטאט איז דא א למדן וועלען מיר אריין גיין צו איהם . האט מען זיי גזאגט עס איז דא א למדן אין שטאט נאר ער איז בלינד . האט רבי חייא גזאגט צו רבי זיץ דו דא ווייל דו ביסט א נשיא פאסט ניט דיר זאלסט גיין צו איהם . איך וועל אליין גיין צו איהם . האט רבי זיך גישטארקט אויף רבי חייא אונ איז גיגאנגען מיט איהם צו דעם למדן . אז זיי זענען אוועק גיגאנגען פון דעם למדן . האט דער למדן צו זיי גזאגט איר זענט גיקומען זעהן א פנים וואס ווערט גיזעהן אונ זעהט ניט . זאלט איר זוכה זיין צו זעהן דעם פנים פון דער שכינה וואס זי זעהט אונ ווערט ניט גיזעהן . האט רבי גזאגט צו רבי חייא אז איך וואלט ניט גיגאנגען מיט דיר וואלט איך דאך ניט גיהאט די ברכה . האט רבי חייא גזאגט צו רבי פון וועמען האסטו דאס גיהערט אז עס איז א גרויסע מצוה צו גיין זעהן דעם פנים פון א חכם . האט רבי גזאגט דאס ווייס איך פון רבי יעקב . ווארום רבי יעקב פון דארף חטיא איז גיוועזן גיוואוהנט צו גיין אלע טאג זעהן דעם פנים פון זיין רבי אז רבי יעקב איז אלט גיווארען האט דער רבי גזאגט צו רבי יעקב דו זאלסט דיך ניט מטריח זיין צו קומען צו מיר אלע טאג ווארום דו קענסט ניט . האט רבי יעקב גזאגט צו זיין רבי איז דען א קליינע זאך וואס עס שטייט ביי דיא רבנן ער וועט לעבען אייביג ער וועט ניט זעהן די גרוב . דורך וועלכע מצוה . ווייל ער וועט זעהן חכמים זענען געשטארבען . סאדאך דער וואס זעהט חכמים ווען זיי שטארבען הט ער אזוי

אנרויסען

הפסח ולומד יום אחד וחוזר לביתו לצמח אלו אשתו כחג הסוכות (י"ט ראשון) :
יראה עצמם לא קרבה . והעולה בהקריבו הבכירות עולת ראיה הולי : ומה אני מקיים הזבחים ומנחה וכו׳ . לשון תימה ומשמע אלא הקריבו לפי

בחייהם על אחת כמה וכמה. רב אידי (בריה) [אבוה] דרבי יעקב בר אידי הוה רגיל דהוה אזיל תלתא ירחי באורחא (והוה יתיב חד יומא באושפיזיה) וחד יומא בבי רב (והדר אתי) והוו קרו ליה רבנן בר בי רב דחד יומא חלש דעתיה וקרי אנפשיה (איוב יב) שחוק לרעהו אהיה קורא לאלוה ויענהו אמר ליה רבי יוחנן במטו מינך לא תעניש רבנן נפק רבי יוחנן לבי מדרשא ודרש (ישעיה נח) ואותי יום יום ידרושון ודעת דרכי יחפצון וכי ביום דורשין אותו ובלילה אין דורשין אותו אלא לומר לך כל העוסק בתורה אפילו יום אחד בשנה (לשמה) מעלה עליו הכתוב כאלו עסק כל השנה כולה וכן הוא אומר במדת פורענות דכתיב (במדבר יד) במספר הימים אשר תרתם את הארץ ארבעים יום יום לשנה יום לשנה וכי ארבעים שנה חטאו והלא לא חטאו אלא ארבעים יום אלא לומר לך כל העובר עבירה אחת אפילו פעם אחת בשנה מעלה עליו הכתוב כאלו עבר כל השנה כולה :

ח (דף ו ע"ב) **תניא** (במדבר כח) עולת תמיד העשויה בהר סיני רבי אלעזר אומר מעשיה נאמרו בסיני והיא עצמה לא קרבה רבי עקיבא אומר קרבה ושוב לא פסקה אלא מה אני מקיים (עמוס ה) הזבחים ומנחה הגשתם לי במדבר ארבעים שנה בית

---

אגרויסען שכר. אז ער זעהט חכמים ווען זיי לעבען האט ער געווים אגרויסען שכר. רב אידי דער פאטער פון רבי יעקב בר אידי איז געוועזען געוואוהנט צו גיין דריי חדשים אין וועג אונ איין טאג פלעגט ער לערנען אין בית המדרש. פון דעם ארט וואו ער האט געוואוהנט ביז צום בית המדרש. האט מען גיבארפט גיין דריי חדשים. פלעגט ער ארום גיין פון זיין היים נאך פסח. אונ איז גיגאנגען דריי חדשים ביז ער איז גיקומען צו זיין רבי אין בית המדרש אונ האט גילערנט איין טאג. אויף מארגין איז ער צוריק גיגאנגען דריי חדשים. איז ער גיקומען אהיים אויף סוכות: איז ער גיוועזען אין דער היים אגאנץ ווינטער. פלעגין איהם דיא רבנן רופען ער איז אתלמיד פון איין טאג. האט ער גיהאט צער פון דעם. האט ער אויף זיך גילייענט דעם פסוק איך בין גיווארען אגילעכטער צו מיינע חברים. ער רופט צו גאט אונ ער ענפערט איהם. האט דער תלמיד גיוואלט מתפלל זיין גאט זאל שטראפען דיא רבנן פר וואס זיי לאכען פון איהם. האט רבי יוחנן גזאגט צוא איהם איך בעט דיך דוא זאלסט ניט שטראפען די רבנן. אונ רבי יוחנן איז אריין גיקומען אין בית המדרש אונ האט גידרשת אז מען דארף ניט לאכען פון דעם תלמיד. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט אונ מיך פארשטיין זיי אלע טאג אונ זייא ווילען וויסען מיינע וועגין. איז דאך אקשיא פארשט מען דען גאט נאר ביי טאג אונ ביי נאכט ניט נאר דער פסוק מיינט אזוי. דער וואס לערנט תורה אפילו נאר איין טאג אין יאהר: ווייל ער קען ניט מער לערנען. רעכענט איהם דער פסוק גלייך ווי ער וואלט גילערנט דעם גאנצען יאהר. אונ ביי עבירות איז אויך אזוי: עס שטייט אין פסוק ביי די מרגלים אין דעם צאל טעג וואס איר האט אויס גיזעהן די לאנד פערציג טעג. וועט גירעכענט ווערין אטאג פאר איאהר. אונ זייא זענען גישטראפט גיווארען פערציג יאהר. האבען זייא דען פערציג יאהר גיזינדיגט. זייא האבען דאך נאר גיזינדיגט פערציג טעג. נאר דער וואס טוהט איין עבירה אפילו נאר איין מאהל אין יאהר. רעכענט איהם דער פסוק גלייך ווי ער וואלט גיטאהן די עבירה דעם גאנצען יאהר:

ח תניא. מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דיא עולה פון תמיד וואס איז גימאכט גיווארען אויף דעם בארג סיני. רבי אלעזר זאגט אויף דעם בארג סיני איז נאר גיזאגט גיווארען וויא אזוי מען זאל מקריב זיין די עולה. אבער מען האט ניט מקריב גיוועזען די עולה פון תמיד אויף דעם בארג סיני. רבי עקיבא זאגט מען האט יא מקריב גיוועזען דיא עולה פון תמיד

בית ישראל שבטו של לוי שלא עבדו עבודה זרה הן הקריבו אותה:

**ט בעי** רב חסדא האי קרא היכי כתיב (שמות כד) וישלח את נערי בני ישראל ויעלו עולות [כבשים] ויזבחו זבחים שלמים [לה פרים] או דילמא אידי ואידי פרים הוו למאי נפקא מינה מר זוטרא אמר לפיסוק טעמים רב אחא בריה דרבא אמר לאומר הרי עלי עולה כעולה שהקריבו ישראל במדבר מאי פרים הוו או כבשים הוו תיקו:

שמוסף היו: שבטו של לוי. הקריבו מעולהם: לפיסוק טעמים. א"ת ב' מינין צריך אתה לפסוק הטעם של ויעלו עולות באתנחתא כמו שאנו קורין אותו או בזקף קטן טעם שמפסיק הדבור ממה שלאחריו ואם מין אחד הוא צריך אתה לקרותו באחד משאר טעמים [שאין מפסיקין] כגון מטפ"א או רביע: לאומר הרי עלי עולה וכו'. גרסינן ולא גרסינן לאומר: כ"מ לאומר הרי עלי עולה. כאותו עולה: מאי: יביא פרים או כבשים תיקו:

מבית רעך. מבית אוהבך הקב"ה קרא לישראל רעים שנאמר (למען) אחי ורעי: בחטאות

(דף ז) **י רבי** לוי רמי כתיב (משלי כה) הוקר רגלך מבית רעך וכתיב (תהלים סו) אבוא ביתך בעולות לא קשיא כאן בחטאות ואשמות כאן בעולות ושלמים תניא נמי הכי הוקר רגלך מבית רעך בחטאות ואשמות הכתוב מדבר אתה אומר בחטאות ואשמות

---

תמיד אויף דעם בארג סיני. און מען האט ניט אויף געהערט מקריב צו זיין דיא עולה פון תמיד די גאנצע פערציג יאהר וואס דיא יודען זענען געוועזן אין דער מדבר. נאר וואס דען זאגט דער פסוק האט איר דען מקריב געוועזן צו מיר קרבנות און מנחות די פערציג יאהר וואס איר זענט געוועזן אין דער מדבר. ווערן מיר דאך אז יודען האבען ניט מקריב געוועזן קרבנות אין דער מדבר. זאגט די גמרא דער שבט לוי וואס זיי האבען ניט געדינט קיין עבודה זרה. זיי האבען מקריב געוועזן קרבנות אין דער מדבר:

**ט** בעי: רב חסדא האט געפרעגט ווי מיינט דער פסוק ער האט געשיקט דיא יונגע מענטשין פון דיא יודען און זייא האבען מקריב געוועזן עולות ודיא עולות זענען געוועזן שעפסין. און זייא האבען געשאכטען שלמים ודיא שלמים זענען געוועזן אקסין. אדער דיא עולות מיט דיא שלמים זענען געוועזן אקסען. זאגט די גמרא צו וואס דארפען מיר דם היינט וויסען וואס יענע קרבנות זענען געוועזן. מר זוטרא זאגט מיר דארפען וויסען וועלכען טראפ ונגינה צו שטעלין אונטער דעםווארט עולות. אויב די עולות זענען געוועזן שעפסין. דארף שטיין אונטער דעם ווארט עולות אתנחתא. אדער א זקף קטן. און אויב דיא עולות זענען אויך געוועזן אקסען. דארף שטיין אויף דעם ווארט עולות א פשטא אדער א רביע. רב אחא בריה דרבא זאגט מיר דארפען דאס וויסען אויב איינער זאגט איך נעם אויף מיר איך זאל ברייגגען א עולה אזוי ווי די עולה וואס דיא יודען האבען מקריב געוועזן אין דער מדבר. וואס זאלען מיר איהם הייסען ברייגגען. א אקס אדער א שעפס:

**י** רבי לוי האט געפרעגט אין איין פסוק שטייט הוקר רגלך מבית רעך. דוא זאלסט האלטען טייער דיינע פיס. דוא זאלסט ניט גיין עפטערס אין די שטוב פון דיין גוטען פריינד דאס מיינט מען דוא זאלסט ניט קומען עפטערס אין בית המקדש וואס דארטען רוהט דיא שכינה פון גאט וואס ער איז דער גוטער פריינד פון יודען. און אין איין פסוק שטייט דוד המלך האט גזאגט איך וועל קומען אין דיין שטוב אין בית המקדש מיט עולות. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא מיט חטאות און אשמות דארף מען ניט קומען עפטערס אין בית המקדש. עס איז בעסער מען זינדיגט ניט און מען ברייגגט ניט קיין חטאת קיין אשם. אבער מיט עולות און שלמים וואס זייא קומען ניט אויף א עבירה. מעג ער ברייגגען אין בית המקדש ווען ער וויל. זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי געלערנט. דוא זאלסט האלטען טייער דיינע פיס פון דיא שטוב פון דיין גוטען פריינד. דוא זאלסט ניט קומען עפטערס אין בית המקדש. דאס מיינט מען מיט חטאות און אשמות. פרעגט דיא גמרא דו זאגסט מיט חטאות

און

ואשמות או אינו אלא בעולות ושלמים כשהוא אומר אבוא ביתך בעולות הרי עולות ושלמים אמור הא מה אני מקיים הוקר רגלך בחטאות ואשמות. (דף ט ע"ב) תניא (קהלת א) מעוות לא יוכל לתקן (כיצד) זה שביטל ק"ש של שחרית או של ערבית (ותפלה) [או שביטל תפלה] של שחרית או של ערבית. וחסרון לא יוכל להמנות זה שנמנו חבריו לדבר מצוה ולא נמנה עמהם. אמר ליה בר הי הי להלל מאי דכתיב (מלאכי ג) ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע בין עובד אלהים לאשר לא עבדו היינו צדיק היינו עובד אלהים היינו רשע היינו לא עבדו א"ל עבדו ולא עבדו תרווייהו צדיקי גמורי נינהו אבל אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה מאה ואחד א"ל משום חדא זימנא קרי ליה לא עבדו א"ל אין צא ולמד משוק של חמרים עשרה פרסי בזוזא עשרה וחד פרסי בתרי זוזי א"ל אליהו לבר הי הי ואמרי לה לרבי אלעזר מאי דכתיב (ישעיה מח) הנה צרפתיך ולא בכסף בחרתיך בכור עוני מלמד שחזר הקב"ה

ואשמות. אלא חטאת והלא זקוק להביא חטאת ואשם] : (זה שביטל ק"ש. גם בס' תפלת השחר): זה שמינוהו חבריו לדבר מצוה. שאמרו לו לך עמנו ולא הלך מאליו שהפריש עצמו מאחרו מנין לא יוכל להמנות עוד כאותו מנין שכבר עבר אותה מצוה : היינו צדיק היינו עובד אלהים. מי הוא צדיק ומי הוא העובד אלהים והלא אחד הוא : אינו דומה שונה פרקו כו'. ואע"פ ששניהם צדיקים לא עבדו את הקב"ה בשוה שזה עבדו יותר : עשרה פרסי. ישכיר לך חמר המוליך בזוז אחד שכבר נהגו כך ואם האמר לו לך עמי פרסה יותר ישאל שני זוזים : צרפתיך ולא בכסף. לא בחנ כמו שצורפים את הכסף אלא בחרתי לך כור עוני לצרפך בו : כור. זהו כלי חרס שצורפין בו :

---

און אשמות. טאמער מיט עולות און שלמים דארף מען אויך ניט קומען. ענטפערט דיא גמרא אז עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט איך וועל קומען אין דיין שטוב מיט עולות. זעהן מיר דאך אז מיט עולות און שלמים מעג מען קומען ווען מען וויל. וואס דען מיינט דער פסוק דו זאלסט טייער האלטען דיינע פיס פון בית המקדש. מען זאל ניט קומען עפטערס מיט חטאות און אשמות. מען זאל ניט זינדיגען. און מען זאל ניט דארפען ברענגען קיין חטאת און קיין אשם:

תניא. מיר האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק מעות לא יוכל לתקן. ער האט פאר קרימט וואס ער קען ניט פאריכטען. דאס מיינט מען אז ער האט ניט געליינט קריאת שמע אין דער פריא אדער ביי נאכט. אדער ער האט ניט געדאוונט אין דער פריא. אדער ער האט ניט געדאוונט ביי נאכט. אין פסוק שטייט און אפעלונג וואס מען קען שוין ניט צו ציילען. דאס מיינט מען אז זיינע חברים האבען זיך געציילט צו גיין טאהן א מצוה. און זיי האבען איהם מיט גירופען. און ער האט ניט געוואלט גיין. ווענען זיי גיגאנגען אן אים און האבען גיטאהן די מצוה. קען ער שוין ניט געציילט ווערין מיט זיי צו די מצוה. ווארום דיא מצוה איז דאך שוין גיטאהן געווארען אן איהם. בר הי הי האט געזאגט צו הלל. עס שטייט אין פסוק איר וועט צוריק קערין און איר וועט זעהן וואס עס איז צווישען א צדיק און א רשע. צווישען דעם וואס דינט גאט. און דער וואס דינט ניט גאט. איז דאך א קשיא א צדיק איז דאך דער וואס דינט גאט. און א רשע איז דאך דער וואס דינט ניט גאט. ווארום זאגט דער פסוק צוויי מאהל. א צדיק און א רשע. דער וואס דינט גאט און דער וואס דינט ניט גאט. האט הלל געזאגט דער פסוק שמועסט פון צוויי ערליי צדיקים. איינער דינט גאט און איז א צדיק. און איינער דינט ניט גאט און איז אויך א צדיק. דער וואס חזרת דעם פרק הונדערט מיט איין מאהל. הייסט ער דינט גאט. און דער וואס חזרת דעם פרק נאר הונדערט מאהל. הייסט ער דינט ניט גאט. האט בר הי הי געזאגט צו הלל. ווייל ער האט גיחזרת דעם פרק איין מאהל ווייניגער. דריבער הייסט ער האט ניט געדינט גאט. האט הלל געזאגט יא עס איז אזוי. גיי אויף דעם מארק וואו מען פאר דינגט אייזלען צום רייטען אויף זיי. צעהן מייל פאר דינגט מען פאר א גילדען. און עלף מייל פאר דינגט מען פאר צוויי גילדען. עס איז דאך נאר איין מייל מעהר. פון דעסטוועגין וויל מען דאס טאפעלע געלט. אליהו האט געזאגט צו בר הי הי אנדערע זאגען ער האט געזאגט צו רבי אלעזר עס שטייט אין פסוק

איך

הקב"ה על כל מדות טובות [ליתן לישראל] ולא מצא לישראל מדה טובה אלא עניות אמר שמואל ואי תימא רב יוסף היינו דאמרי אינשי יאה עניותא לישראל כורדא סומקא לסוסיא חיורא :

(משנה) (דף ט' ע"א) **יא רבי** שמעון בן מנסיא אומר איזהו מעוות שלא יוכל לתקן זה הבא על הערוה והוליד ממנה ממזר. א"ת בגונב וגוזל יכול הוא להחזירו ויתקן. רבי שמעון בן יוחאי אומר אין קורין מעוות אלא למי שהיה מתוקן מתחילתו ונתעוות ואי זה זה תלמיד חכם הפורש מן התורה :

(דף ט' ע"ב) **גמ'** והוליד ממנה ממזר כו'. הוליד אין לא הוליד לא והא תניא רבי שמעון בן מנסיא אומר גונב אדם או גוזל אפשר שיחזיר גנבתו וגזלתו ויתקן אבל הבא על אשת איש ואסרה על בעלה נטרד מן העולם והלך לו. רבי שמעון בן יוחאי אומר אין אומרים בקרו גמל בקרו חזיר אלא בקרו טלה ואיזה זה תלמיד חכם הפורש מן התורה. רבי יהודה בן לקיש אומר כל ת"ח הפורש מן התורה עליו הכתוב אומר (משלי כז) כצפור נודדת מן קנה כן איש נודד ממקומו ואומר (ירמיה ב) מה מצאו אבותיכם בי עול כי רחקו מעלי לא קשיא כאן

גונב אדם. גנבה אפשר שיחזירנה ויתקן: נטרד מן העולם. אין לו עוד תשובה לפי שעה: דבר שאין (כו) [גוו דפוסה]: אין אומרים בקרו גמל: זה לקרבן כלומר מי שהוא רע מתחלתו אין זה מעוות: אלא בקרי טלה. שמא נפל בו מום כזקלקל כך לשון קלקול טפל באדם שהיה טובו

---

איך האב דיך געבייטערט ניט מיט פייער ווי מען לייטערט זילבער. איך האב אויס דער וועלט אטעסט פון ארעמקייט. איך זאל דיך פייניגען מיט ארעמקייט. דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט נאך געזוכט אלע גוטע מדות וועלכע גוטע מדה ער זאל געבען די יודען האט ער ניט געפונען פאר זייא קיין בעסערע מדה ווייא ארעמקייט. שמואל זאגט אנדערע זאגען רב יוסף האט געזאגט דאס איז וואס מענטשין זאגען ארעמקייט איז שיין פאר יודען אזוי ווייא עס איז שיין רויטע באנד אויף דעם האלדז פון אווייסען פערד :

**יא** משנה. רבי שמעון בן מנסיא זאגט וועלכע זאך הייסט אפאר קרימטע וואס מען קען ניט פאריכטען. אז ער האט מזנה געווען מיט אאשה און זיא האט געהאט פון איהם אממזר. ווארום אז איינער גנבת אדער ער גזלת קען ער צוריק געבען. האט ער שוין פאריכט דיא עבירה. רבי שמעון בן יוחאי זאגט פאר קרימט הייסט אזאך וואס איז געווען פריער גלייך און עס איז פאר קרימט געווארען. דאס איז אתלמיד חכם וואס האט זיך אפ געשיידט פון דער תורה. פרעגט די גמרא אז איינער איז מזנה מיט אאשה און זיא האט פון איהם אממזר הייסט דאס פאר קרימט וואס מען קען ניט פאריכטען. אבער אז זיא האט ניט געבארען אממזר. הייסט דאס ניט פאר קרימט וואס מען קען ניט פאריכטען. מיר האבען דאך געלערנט רבי שמעון בן מנסיא זאגט אז אמענטש גנבת אדער ער גזלת קען ער צוריק געבען דיא גנבה אדער די גזלה. איז ער שוין פאריכט. אבער דער וואס איז מזנה מיט אאשת איש און ער האט איר געאסרת אויף איר מאן. ווערט ער פאר טריבען פון דער וועלט און ער גייט אוועק אן תשובה. אפילו זי האט ניט געהאט פון איהם אממזר. רבי שמעון בן יוחאי זאגט מען זאגט ניט מען זאל זעהן דעם קעמעל אדער דעם חזיר אויב ער האט ניט אפעלער. ווארום אפילו ער האט ניט אפעלער טאר מען איהם אויך ניט מקריב זיין פאר אקרבן. נאר מען זאגט מען זאל זעהן דעם שעפס אויב ער האט ניט אפעלער. ווארום אפעלער הייסט נאר ביי אזוי אזאך וואס איז געווען פריער גאנץ. אזוי פאר קרימט הייסט נאר ביי אזוי אזאך וואס איז געווען פריער גלייך. און עס איז פאר קרימט געווארען. דאס מיינט מען אתלמיד חכם וואס האט זיך אפ געשיידט פון דיא תורה. רבי יהודה בן לקיש זאגט אתלמיד חכם וואס שיידט זיך אפ פון די תורה אויף איהם זאגט דער פסוק אזוי ווי אפויגיל ווערט פאר וואגילט פון איר נעסט. אזוי איז דער מענטש פאר וואגילט געווארען פון זיין ארט. נאך זאגט דער פסוק גאט פרעגט וואס פאר אאומרעכט האבען אייערע עלטערין ביי מיר געפונען וואס זייא האבען זיך דער

ווייטערט

כאן באחותו פנויה כאן באשת איש ואבע"א הא והא באשת איש ולא קשיא כאן (דף י) באונס כאן ברצון ואי בעית איטא הא והא באונס לא קשיא כאן באשת כהן כאן באשת ישראל (זכריה ח) וליוצא ולבא אין שלום וגו' אמר רב כיון שיוצא אדם מדבר הלכה (לדבר מקרא) שוב אין לו שלום ושמואל אמר זה הפורש מן גמרא למשנה ורבי יוחנן אמר אפילו מגמרא לגמרא:

(משנה) **יב** **היתר** נדרים פורחין באויר ואין להם על מה שיסמוכו [הלכות שבת חגיגות והמעילות הרי הם כהררים התלויים בשערה שהן מקרא מועט והלכות מרובות]: **גמ'** תניא רבי (אלעזר) אומר

**פירוש**

מתחלתו: אחותו פנויה. הוליד אין לא הוליד לא: אשת איש. בלא הוליד נמי יש זכרון לעונו שאסורה על בעלה לא בת אחותו ולא בת נכרית: באונס. לא אסורה על בעלה לפיכך הוליד אין לא הוליד לא: ברצון. אסורה על בעלה: אשת כהן. אפילו באונס אסורה לבעלה: וליוצא ולבא. מקרא הוא בזכריה ודרשוה כאן ליוצא מן התורה ובא לו לדברים אחרים: שיוצא אדם מדבר הלכה לדבר מקרא. שוב אין לו שלום שאין הוראה מן המקרא שהמשנה מפרשת מצות התורה: מגמרא למשנה. אם במס' ה"א שבן מדקדקין ליתן טעם במשניות לסבין במשניות הסותרות זו את זו ולמצוא טעם לפטור ולחובה ולאיסור ולהיתר שהמשנה זה קרוי גמרא ואם יצא מזה ונתן כל עסקיו לגירסת המשניות שוב אין לו שלום בדבר הוראה שאין הוראה נכונה מתוך משנה שכמה משניות יש שאין דבריהם מכוונים ותירצום בני הגמרא כגון הכא במאי עסקינן חסורי מחסרא הא מני רבי פלוני היא ואין הלכה כמותו: אפילו מגמרא [לגמרא. מגמרא] ירושלמי לגמרא בבלי שהוא עמוק כדאמרינן בסנהדרין במחשכים הושיבני זה גמרא בבלי שהוא עמוק: היתר נדרים פורחים באויר. התרת נדרים שאמרו חכמים דחכם מתיר את הנדר מעט רמז יש מן התורה

---

ווייטערט פון מיר. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא אז איינער איז מזנה מיט זיין שוועסטער וואס זיא האט ניט קיין מאן. אויב זיא האט גיהאט פון איהם אממזר. קען דיא עבירה ניט פאריכט ווערין. אבער אז זיא האט ניט גיהאט פון איהם אממזר קען די עבירה פאריכט ווערין דורך תשובה. אבער אז איינער איז מזנה מיט אאשת איש. אפילו זיא האט ניט גיהאט פון איהם קיין ממזר. קען אויך ניט פאריכט ווערין די עבירה. ווייל ער האט איר גיאסרת אויף איר מאן: אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען ביידע שמועסין ביי אאשת איש. אונ עס איז ניט קיין קשיא. אויב ער האט איר גינייט אונ האט מיט איר מזנה גיוועין. איז זי דאך ניט אסור גיווארען אויף איר מאן. אויב זיא האט פון איהם ניט גיהאט קיין ממזר. קען די עבירה פאריכט ווערין. אונ אויב זיא האט גיהאט פון איהם אממזר קען ניט פאריכט ווערין די עבירה. אונ אויב ער האט מיט איר מזנה גיוועין מיט איר גוטען ווילען. איז זיא דאך אסור גיווארען אויף איר מאן. אפילו זיא האט ניט גיהאט קיין ממזר. קען אויך ניט פאריכט ווערין די עבירה. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען ביידע שמועסין אז ער האט איר גינייט צו מזנה זיין. נאר אויב זיא איז גיוועין אווייב פון אכהן. איז זי אסור גיווארען אויף איר מאן. אפילו זיא האט ניט גיהאט פון איהם קיין ממזר קען אויך ניט פאריכט ווערין די עבירה. אבער אז זיא איז גיוועין אווייב פון אישראל. וואס זי איז ניט אסור גיווארען אויף איר מאן. אויב זי האט ניט גיהאט קיין ממזר. קען די עבירה פאריכט ווערין. אונ אויב זיא האט גיהאט אממזר קען ניט פאריכט ווערין די עבירה. אין פסוק שטייט דער וואס גייט ארויס אונ קומט אריין צו איהם וועט ניט זיין שלום. זאגט רב דאס מיינט מען אז אמענטש גייט ארויס פון צו לערנען משניות. אונ ער גייט לערנען תורה נביאים כתובים. וועט ער ניט האבען שלום פון זיין לערנען. ווארום פון תנ"ך וועט ער ניט קענען פסקנען אדין; אונ שמואל זאגט דער וואס גייט אוועק פון גמרא לערנען. אונ גייט לערנען משניות; וועט ער ניט האבען שלום פון זיין לערנען. אונ רבי יוחנן זאגט דער וואס גייט אוועק פון גמרא ירושלמי. אונ ער גייט לערנען גמרא בבלי. וועט ער אויך ניט האבען שלום פון זיין לערנען:

**יב** משנה. היתר. דער דין וואס מען קען מתיר זיין אנדר פליהט אין דער לופטען. עס איז גיטא קיין פסוק אין דער תורה. דער דין זאל זיך אויף איהם אן לענען. נאר דיא חכמים ווייסען דאס אויסוויינינג פון משה רבינו. דיא דינים פון שבת. אונ פון קרבן חגיגה. אונ אז מען האט הנאה פון אהיילינע זאך. דיא דינים זענען אזוי וויא בערג וואס איינגען אויף אהאר. דיא פסוקים פון דיא דינים זענען ווייניג. אונ דיא דינים זענען פיל. דיא גמרא זאגט מיר

האבען

[אליעזר] אומר יש להם על מה שיסמכו שנאמר (ו קרא ח) כי יפליא (במדבר ו) כי יפליא שתי פעמים אחד הפלאה לאיסור ואחד הפלאה להיתר. רבי יהושע אומר יש להם על מה שיסמכו שנאמר (תהלים לה) אשר נשבעתי באפי נשבעתי ותוזרתי בי. רבי יצחק אומר יש להם על מה שיסמוכו שנאמר (שמות לה) כל נדיב לב. חנניה בן אחי רבי יהושע אומר יש להם על מה שיסמכו שנאמר (תהלים קיט) נשבעתי ואקימה לשמור משפטי צדקך. אמר רב יהודה אמר שמואל אי הואי התם הוה אמינא להו מילתא דעדיפא מדידהו שנאמר (במדבר ל) לא יחל דברו הוא אינו מוחל אבל אחרים מוחלין לו אמר רבא לכולהו אית להו פרכא בר מדשמואל דלית ליה פרכא וכו' אמר (רבינא) [רבא] ואי תימא רב נחמן בר יצחק היינו דאמרי אינשי טבא חדא פלפלתא חריפא ממלא צנא דקרי:

משנה

פתחה לדבר ואין על מה לסמוך אלא שבך מסור לחכמים בתורה שבעל פה: כי יפליא שני פעמים. אחד בערכין ואחד בנזיר יפליא נדר בערכין פי' יפליא לנדור נדר נזיר: אחת הפלאה לאיסור וכו'. הפלאה לשון פירוש כתרגומו ארי יפרש ולמאי כתיב הפלאה בשתיהן אחת כשפירש ונדר ואסר את עצמו בנדר ואחת שחוזר ומפרש לפני החכם ואומר כך נדרתי ולדעת כך נדרתי אבל לדעת כך לא נדרתי והרי אני כלא נידי תרטה ומתוך כך מתירין לו: נשבעתי באפי. מדקאמר באפי משמע יכולני לישאל עליו לפי שבחמת אפי נשבעתי ולא מדעת מיושבת יש ללמוד מכאן שבמוצא פתח לנדרו לומר לא לדעת כן נדרתי שיקרי דבר זה שאני רואה סבא לי על ידי נדרי מתירין לו: כל נדיב לב הביאו. אם עודנו נדבו לבו יביאו ואם ואחרים יתירו לו: נשבעתי ואקימה. מדקאמר ואקימה מכלל שאם רוצה שלא לקיים מתירין לו:

האבען געלערנט. רבי אליעזר זאגט דער דין וואס מען איז מתיר אנדר האט אפסוק אין די תורה ער זאל זיך אן לעגען אויף איהם. עס שטייט אין פסוק כי יפליא. כי יפליא. צוויי מאהל. יפליא איז טייטש רעדען. איין מאהל וואס ער רעדט ווען ער טוהט דעם נדר. איין מאהל וואס ער דער ציילט דעם נדר פאר דעם חכם ער זאל איהם מתיר זיין. רבי יהושע זאגט פון דעם פסוק קענען מיר אפ לערנען אז מען מעג מתיר זיין אנדר. עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך האב געשווארין מיט כעס. ווייל איך האב געשווארין מיט כעס. דריבער קען איך חרטה האבען פון דער שבועה. אונ אזוי אז דער מענטש האט איין אנדער טעם פאר וואס ער האט חרטה פון דעם נדר. מעג מען איהם אויך מתיר זיין. רבי יצחק זאגט פון דעם פסוק קענע מיר אפ לערנען אז מען מעג מתיר זיין אנדר. עס שטייט אין פסוק ווער עס זיין הארץ האט בווילינט האט געבראכט צום משכן. אבער אז זיין הארץ האט ניט בווילינט. ער האט חרטה פון דעם וואס ער האט פריער צו גזאגט. האט ער ניט גידארפט ברענגען. חנניה דער זוהן פון רבי יהושעס ברודער זאגט פון דעם פסוק קענען מיר אפ לערנען אז מען מעג מתיר זיין אנדר. עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט איך האב געשווארין אונ האב מקיים גיווען צו היטען דיינע גירעכטיגע משפטים. ווייל ער זאגט איך האב מקיים גיווען. זעהט מיר אז ער וואלט וועלען וואלט ער נאך דער שבועה אויך ניט מקיים גיווען. ווארום ער וואלט גיקענט מתיר זיין די שבועה. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין אויב איך וואלט דארט גיווען וואלט איך זיי גזאגט אזאך וואס איז בעסער ווי זייערע זאכען וואס זייא האבען גזאגט. עס שטייט אין פסוק לא יחל דברו. ער זאל ניט אום מאהשין זיינע רייד. ער טאר ניט מאהשין זיינע רייד. אבער אנדערע מעגין מאהשין זיינע רייד. זייא מעגין איהם מתיר זיין דעם נדר. רבא זאגט וואס אלע האבען גזאגט קען מען אפ פרעגין. אויסער וואס שמואל האט גיזאגט קען מען ניט אפ פרעגין. רבא זאגט אונ אנדערע זאגין רב נחמן בר יצחק האט גזאגט דאס איז וואס מענטשין זאגען עס איז בעסער איין פעפער אשארפער ווייא אפולע קארב פלוצערין

# אין דורשין פרק שני

(דף יא ע"ב) **א משנה** דאשונה אין דורשין בעריות בג' ולא במעשה בראשית בשנים ולא במרכבה ביחיד אלא אם כן היה חכם ומבין מדעתו. כל המסתכל בד' דברים (ראוי) [רתוי] לו שלא בא לעולם מה למעלה מה למטה מה לפנים ומה לאחור וכל שלא חס על כבוד קונו (ראוי) [רתוי] לו שלא בא לעולם: **גמ'** אמרת ברישא ולא במרכבה ביחיד והדר אמר אלא אם כן היה חכם ומבין מדעתו הכי קאמר אין דורשין בעריות לשלשה ולא במעשה בראשית לשנים ולא במרכבה ליחיד אלא אם כן היה חכם ומבין מדעתו. לא במעשה בראשית בשנים תנא הני מילי דתנו רבנן (דברים ד) כי שאל נא לימים

אין דורשין בעריות בשלשה ולא במעשה בראשית. כגון ספר יצירה ולא במעשה מרכבה כגון מעשה שבספר היכלות אי נמי כגון ברייתא דרבי ישמעאל: במעשה מרכבה. כלומר ולא במרכבה כל עיקר אפילו ביחיד אלא אם כן היה אותו יחיד חכם מבין מדעתו שלא יצטרך לשאול מה שיסתפק (לו): בשלשה. שנים והוא: בשנים. אחד והוא: ביחיד. אין שם אלא הוא לבדו ובגמרא מפרש לה: ארבעה דברים. שני דמסיים ואזיל: מה למעלה. מרקיע שעל ראשי החיות: ומה למטה, (מן הארץ) [מכאן]: ומה לפנים. כון למחילת הרקיע מן מזרח: ומה לאחור. למערב ובגמרא מפרש שמאל: וכל שלא חס על כבוד קונו. בגמרא מפרש מאי היא: רתוי לו. יפה לו וטוב היה לו אם לא בא לעולם ואומר אני [ובהיא] לשון רחמים כלומר מרוחם היה אם לא בא לעולם ודוגמתו נאורת כהנים ואל אלעזר ואל איתמר בניו הנותרים (רבי אליעזר אומר) ראויין היו לישרף אלא שריחם הכתוב: בא אמרת רישא ולא מרכבה ביחיד. וכיון דיחידי הוא ואינו שומע מפי הרב על כרחך מדעתו מבין וקא הדרת ליה. והדר (תניתא) [תאמרה] אא"כ היה חכם ומבין מדעתו: לשלשה. לבד מן הדורש: ולא במעשה בראשית לשנים. וכל שכן לשלשה: ולא במרכבה ליחיד. לתלמיד יחיד אלא אם כן היה אותו תלמיד חכם מבין מדעתו שלא יצטרך לשאול רבו במקום שיסתפק דגלוי אורח ארעא לפרושי לגדיה: תנא הני מילי. דאין שנים שואלין במעשה בראשית: יכול

## פרק שני

**א** משנה. אין. מען טאר ניט דרשנן די פרשה פון עריות דריי מענטשן. איינער זאל לערנען די פרשה פון עריות מיט צוויי תלמידים טאר מען ניט. אונ מעשה בראשית. וויא אזוי די וועלט איז בשאפען געווארען. טאר מען ניט לערנען צוויי מענטשען. ארבי צו איין תלמיד. אונ מעשה מרכבה. ווי אזוי גאט איז אין הימעל. טאר איין מענטש פאר זיך אויך ניט לערנען. נאר סיידין ער איז אחכם אונ ער פאר שטייט אליין אלץ וואס אין הימעל איז. דער מענטש וואס קוקט די פיר זאכען וואלט איהם בעסער געוועזן אז ער וואלט גאר ניט געקומען אויף דער וועלט. אז ער וויל וויסען וואס עס איז איבער אלע הימלען. אונ וואס עס איז אונטער די הימלען וואס זענען אונטער די ערד. אונ וואס עס איז געוועזן איידער די וועלט איז בשאפען געווארען. אונ וואס עס וועט זיין דער נאך ווען די וועלט וועט זיך אויס לאזין. אונ דער וואס שוינט ניט דעם כבוד פון גאט. וואלט איהם בעסער געוועזן אז ער וואלט גאר ניט בשאפען געווארען אויף דער וועלט. פרעגט די גמרא פריער זאגט מען אז איין מענטש פאר זיך טאר ניט לערנען מעשה מרכבה. געווים אז ער וויל אליין לערנען. איז ער אחכם וואס פאר שטייט אלץ אליין. זאגסטו ער טאר ניט לערנען. דער נאך זאגט מען אויב ער איז אחכם אונ ער פאר שטייט אליין מעג ער לערנען. זאגט די גמרא אזוי מיינט מען. מען טאר ניט לערנען די פרשה פון עריות וואס עס שטייט אין די סדרה אחרי מות אונ קדושים צו דריי תלמידים. אבער צוא צוויי תלמידים מעג מען. מעשה בראשית טאר מען ניט לערנען צו צוויי תלמידים. אבער צוא איין תלמיד מעג מען. אונ מעשה מרכבה טאר מען ניט לערנען אפילו צו איין תלמיד. נאר דער מענטש וואס איז אחכם אונ פאר שטייט אלץ אליין ער דארף ניט פרעגין ביי ארבי. מעג ער לערנען מעשה מרכבה. זאגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט לערנען מעשה בראשית צו צוויי תלמידים. ווארום די רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק פרעג נאר אויף די ערשטע טעג. אז מען זאגט דעם ווארט פרעג. שמועסט מען פון איינעם. איינער מעג פרעגין אבער ניט צוויי תלמידים מיט איין מאהל. אונ אז מען וועט לערנען מעשה בראשית מיט צוויי תלמידים. קען דאך זיין אז ביידע תלמידים זאלען מיט איין מאהל פרעגין איין זאך. איך וואלט מיינען אז מענטש

יאשונים יהיד שואל ולא שנים שואלין יכול ישאל אדם קודם שנברא העולם תלמוד לומר (שם) למן היום אשר ברא אלהים אדם על הארץ (אי למן היום אשר ברא אלהים אדם) יכול לא ישאל מששת ימי בראשית תלמוד לומר לימים ראשונים [אשר היו לפניך] יכול שאל אדם מה למעלה ומה למטה ומה לפנים ומה לאחור תלמוד לומר (שם) ולמקצה השמים ועד קצה השמים מקצה השמים ועד קצה השמים אתה שואל ואי אתה שואל מה למעלה ומה למטה מה לפנים ומה לאחור. (דף יב) והשתא דנפקא ליה מן למקצה השמים למן היום אשר ברא אלהים אדם למה לי מיבעיא ליה לכדרבי אלעזר דאמר רבי אלעזר אדם הראשון מן הארץ ועד לרקיע היה שנאמר למן היום אשר ברא אלהים אדם על הארץ ולמקצה השמים וגו' וכיון שסרח הניח הקב"ה ידו עליו ומיעטו (והעמידו על מאה אמה) שנאמר (תהלים קלט) אחור וקדם צרתני והשתא

יכול ישאל. מה היה קודם שנברא העולם: יכול לא ישאל. ולא ידרוש במעשה ששת ימי בראשית דהא למן בריית אדם הוא דיהב רשותא למדרש והוא בע"ש נברא: ה"ל לימים ראשונים. היינו ראשון: והשתא דנפקא לן מן ולמקצה השמים דאסור לשאול מה יש חוץ למחיצות נמי נפקא לן דאסור לשאול בקודם שנברא העולם דהא מה שהיה קודם בריאתו הוא עכשיו חוץ למחיצותיו הילכך למן היום אשר ברא אלהים אדם למה לי למעוטי מיהיה קודם שנבראת העולם: על הארץ ולמקצה השמים. על הארץ היה ומגיע לשמים: אחור וקדם צרתני. ב' פעמים יצרתני הגנה גבוה.

מעג פרעגין וואס עס איז געווען איידער די וועלט איז בשאפען געווארען. שטייט אין פסוק פון דעם טאג וואס גאט האט בשאפען דעם מענטשין אויף דער וועלט. פון דער צייט אונ וייטער מעגסטו פרעגין. אבער ניט פון פריער. איך וואלט מיינען אז מען טאר ניט נרעגין פון די זעקס טעג וואס די וועלט איז אין זיי בשאפען געווארען. ווארום דער מענטש איז דאך בשאפען געווארען דעם זעקסטין טאג. שטייט אין פסוק דוא מעגסט פרעגין די ערשטע טעג וואס זענען געווען איידער דוא ביסט בשאפען געווארען. אבער גאר ביז צום ערשטין טאג. אונ וואס עס איז געווען פאר דעם ערשטין טאג טאר מען ניט פרעגין. איך וואלט מיינען אז א מענטש מעג פרעגין וואס עס איז איבער אלע הימלען. אונ וואס עס איז אונטער די הימלען וואס זענען אונטער די ערד. אונ וואס איז געווען איידער די וועלט איז בשאפען געווארען אונ וואס וועט זיין דער נאך ווען די וועלט וועט זיך אויס לאזין (זעין תוספות ומהרש"א). שטייט אין פסוק דוא מעגסט פרעגין פון איין עק הימעל ביז צום אנדערין עק הימעל. אבער דוא טארסט ניט פרעגין וואס איז איבער אלע הימלען. אונ וואס איז אונטער דיא הימלען וואס זענען אונטער די ערד. וואס איז געווען איידער די וועלט איז בשאפען געווארין. אונ וואס וועט זיין דער נאך אז די וועלט וועט זיך אויס לאזין. פרעגט די גמרא איצט אז מיר לערנען שוין אלין פון דעם פסוק למקצה השמים. דו מעגסט נאר פרעגין פון איין עק הימעל ביז צום אנדערין עק הימעל. צו וואס דארף שטיין דער פסוק פון דעם טאג וואס גאט האט בשאפען דעם מענטש. זאגט די גמרא דעם פסוק דארפען מיר צו איין אנדער זאך. אזוי וויא רבי אלעזר האט גזאגט. אדם הראשון איז געווען גרויס פון דער ערד ביז צום הימעל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק פון דעם טאג וואס גאט האט בשאפען דעם מענטש אויף די ערד צום עק הימעל. ער איז געשטאנען אויף די ערד אונ איז געווען הויך ביז צום הימעל. ווי ער האט געזינדיגט האט גאט ארויף גילייגט זיין האנט אויף איהם אונ האט איהם נידעריגער גימאכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אחור וקדם צרתני. אדם הראשון זאגט צו גאט דו האסט מיך צוויי מאהל בשאפען. פריער הויך. דער נאך האסטו גיטאהן דיין האנט אויף מיר אונ האסט מיך נידעריג גימאכט. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אדם הראשון איז געווען גרויס פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. אז ער איז גילעגין איז געווען די קאפ אין מזרח אונ די פיס אין מערב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון איין עק הימעל ביז צום אנדערין עק הימעל. אז ער האט געזינדיגט האט גאט ארויף גילייגט זיין האנט אויף איהם אונ האט איהם נידעריגער גימאכט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אחור וקדם צרתני. אדם הראשון זאגט צו גאט דוא

האסט

ולכסוף ספל : מכוף העולם ועד סופו. כשהיה שוכב היה ראשו למזרח ורגליו מגע"ס למערב . (גם מלמר זה בפ"ד דסנהדרין) : תוהו ובוהו . לקמן מפ"ש להו : מדת יום ומדת לילה . עשרים וד' שעות בין שניהם : ישת חשך סביבותיו . כלי למדת שקו החשך מקיף את השמים : מפולמות . לשון לחלות מוספרי"ן בלע"ז : קו תהו וגו' . למדת

ותשת עלי כפכה. אמר רב יהודה אמר רב אה"ר מסוף העולם ועד סופו היה שנאמר ולמקצה השמים ועד קצה השמים וכיון שסרח הניח הקב"ה ידו עליו ומיעטו שנאמר אחור וקדם צרתני [ותשת עלי כפכה] אי הכי קשו קראי אהדדי אידי ואידי מדה אחת היא . ואמר רב יהודה אמר רב עשרה דברים נבראו ביום הראשון ואלו הן שמים וארץ תהו ובהו אור וחשך רוח ומים מדת יום ומדת לילה . שמים וארץ דכתיב (בראשית א) בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ . תהו ובהו דכתיב והארץ היתה תהו ובהו . אור וחשך דכתיב וחשך על פני תהום וכתיב ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור . רוח ומים דכתיב (שם) ורוח אלהים מרחפת על פני המים . מדת יום ומדת לילה דכתיב (ויקרא אלהים לאור יום ולחשך קרא לילה) [ויהי ערב ויהי בקר יום אחד] תנא תהו זהו קו ירוק שמקיף את כל העולם כלו שממנו יוצא חשך לעולם שנאמר (תהלים יח) ישת חשך סתרו סביבותיו סכתו. בהו אלו אבנים מפולמות משוקעות בתהום שמהם יוצא מים שנאמר (ישעיה לד) ונטה עליה קו תהו ואבני בהו . ואור ביום ראשון איברי והכתיב (בראשית א) ויתן אותם אלהים ברקיע השמים וכתיב (שם) ויהי ערב ויהי בקר יום רביעי אלא כדרבי אלעזר דאמר רבי אלעזר אור שברא הקדוש ב"ה ביום (אחד) [ראשון] אדם צופה ומביט בו מסוף העולם ועד סופו וכיון שנסתכל הקב"ה באנשי דור המבול

ודור

---

האסט מיך צווייא מאהל בשאפען . פריער הויך . דערנאך האסטו גיטאהן דיין האנט אויף מיר אונ האסט מיך נידעריג גימאכט : פרעגט די גמרא איז דאך א קשיא פון איין פסוק אויף דעם אנדערין . אין איין פסוק שטייט אז אדם הראשון איז גיוועזן הויך פון דער ערד ביז צום הימעל . אונ אין אנדערין פסוק שטייט אז ער איז גיוועזן גרויס פון מזרח צו מערב . זאגט די גמרא בייד איז איין מאס . פון דער ערד ביז צום הימעל איז אזוי ווייט ווי פון מזרח ביז מערב . נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין צעהן זאכען זענען בשאפען גיווארען דעם ערשטין טאג : הימעל . ערד . תהו . בהו : ליכטיגקייט . פינסטער . ווינט . וואסער . טאג . נאכט . הימעל אונ ערד אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צו ערשט האט גאט בשאפען דיא הימעל אונ די ערד . תהו אונ בהו אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די ערד איז גיוועזן תהו אונ בהו . ליכטיג אונ פינסטער אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס איז גיוועזן פינסטער אויף דעם תהום . האט גאט גזאגט עס זאל זיין ליכטיג איז גיווארען ליכטיג . ווינט אונ וואסער אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער ווינט פון גאט האט גישוועבט אויף דעם וואסער . טאג אונ נאכט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גירופען צו די ליכטיגקייט טאג אונ צו די פינסטערניש האט ער גירופען נאכט . איז גיוועזן נאכט אונ עס איז גיוועזן פריא איין טאג . מיר האבען גילערנט תהו איז א גריננער שנור וואס רינגעלט ארום די גאנצע וועלט . אונ פון דעם שנור גייט ארויס די פינסטערניש אויף דער וועלט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער טוהט די פינסטערניש זיין פאר באהעלטניש ארום זיין בייריל . ארום דעם הימעל . ווען מיר אז דאס פינסטערניש רינגעלט ארום דעם הימעל . בהו איז נאסע שטיינער זיצען אין אבגרונד פון זיי גייט ארויס די וואסער . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיצייגט אויף דער וועלט אשנור פון תהו אונ שטיינער פון בהו . פרעגט דיא גמרא איז דען די ליכטיגקייט בשאפען גיווארען דעם ערשטין טאג . עס שטייט דאך אין פסוק גאט האט גיגעבען די לבנה אונ די זוהן אין הימעל . אונ עס איז גיוועזן טאג אונ עס איז גיוועזן נאכט דעם פערטין טאג . נאר דאס איז אזוי וויא רבי אלעזר האט גזאגט . עס איז גיוועזן צווייא ערלייא ליכטיגקייט . דורך די ליכטיגקייט וואס גאט האט בשאפען דעם ערשטין טאג . האט אמענטש גיקענט זעהן פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט . ווי גאט האט גיזעהן אז עס וועלען בשאפען ווערין רשעים . וואס אויף זיי וועט דארפען קומען אנבול .

אונ

שהוהו קו והבוהו אבנים : חכמה . יודע מה שהוא לומד : תבונה . שהוא מבין דבר מדבר מפלפול חכמתו : דעת . ישוב : כח . הוא כח הזרוע : גבורה . גבורת הלב : גערה . נזיפה כדאמר לקמן. שגער בו ועמד : פקעיות . לוויסיי"ל בלע"ז :

ודור הפלגה וראה שמעשיהם מקולקלים עמד וגנזו מהם שנאמר (איוב לח) וימנע מרשעים אורם וזרוע רמה תשבר ולמי גנזו לצדיקים לעתיד לבא שנאמר (בראשית א) וירא אלהים את האור כי טוב ואין טוב אלא צדיק שנאמר (ישעיה ג) אמרו צדיק כי טוב וכיון שראה אור שגנזו לצדיקים מיד שמח שנאמר (משלי יג) אור צדיקים ישמח . כתנאי אור שברא הקב"ה ביום ראשון אדם צופה ורואה ומביט בו מסוף העולם ועד סופו דברי רבי יעקב וחכמים אומרים הן הן מאורות שנבראו ביום ראשון ולא נתלו עד יום רביעי . אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב, בעשרה דברים נברא העולם בחכמה ובתבונה ובדעת בכח ובגבורה ובגערה בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים. בחכמה ובתבונה דכתיב (משלי ג) ה' בחכמה יסד ארץ כונן שמים בתבונה . בדעת דכתיב (שם) בדעתו תהומות נבקעו . בכח וגבורה דכתיב (תהלים סה) מכין הרים בכחו נאזר בגבורה. בגערה דכתיב (איוב כו) עמודי שמים ירופפו ויתמהו מגערתו . בצדק ובמשפט דכתיב (תהלים פט) צדק ומשפט מכון כסאך . בחסד וברחמים דכתיב (שם כה) זכור רחמיך ה' וחסדיך כי מעולם המה . אמר רב יהודה אמר רב בשעה שברא הקב"ה את העולם היה מרחיב והולך כשתי פקעיות של שתי עד שגער בו הקב"ה

---

זעקס פליגעל . אז דער בית המקדש איז ניטא האט יעדער נאר פיר פליגעל . דיא פליגעל פון די חיות איז ווייניגער געווארען . פרעגט דיא גמרא וועלכע פליגעל פעלין . האט רב חננאל גזאגט פון רבם וועגין די פליגעל וואס די חיות פלעגין מיט זייא זאגען שירה די פעלין . ווארום דא שטייט מיט צוויי פליגעל פליהט ער . אונ איינער רופט דעם אנדערין מען זאל זאגען שירה . אונ דארט שטייט דוא האסט אפליה געטאהן מיט דיינע אויגען אויף איהם איז ער ניטא . די רבנן זאגען דיא די פליגעל וואס מען האט מיט זיי גזאגט שירה די זענען ניטא . ווארום עס שטייט פליגעל וואס די חיות האבען מיט זיי צו גידעקט זייערע פים די פעלין . ווארום עס שטייט אין פסוק זייערע פים זענען גלייכע . אז דיא פליגעל וואלטען ניט גיפעלט פון וואנען וויים מען וויא זייערע פים זעהן אויס . פרעגט דיא גמרא טאמער האבען זיי טאקי די פליגעל ביי דיא פים . נאר אפליגעל האט זיך גיעפינט האט מען גיזעהן זייערע פים . ווארום אז דוא וועסט ניט אזוי זאגען . עס שטייט אין פסוק דער גישטאלט פון זייער פנים איז דער פנים פון אמענטש . וועסטו זאגען די פליגעל פון פנים פעלין אויך . נאר דיא פליגעל פון וואנען וויים מען . האבען זיך גיעפונט האט מען גיזעהן דעם פנים . אזוי דא ביי דיא פים איז אויך אזוי גיוועזן . דיא פליגעל האבען זיך גיעפינט האט מען גיזעהן די פים . זאגט די גמרא עס איז ניט גלייך איינם צו דאס אנדערע . דער פנים דארף זיין אפ גידעקט ווען זיי שטייען פאר גאט . אבער די פים דארף ניט זיין אפ גידעקט ווען זיי שטייען פאר גאט . דריבער אויב זיי וואלטען גיהאט פליגעל ביי די פים . וואלטען די פליגעל ניט אפ גידעקט גיווארען . נאר געוויס מוז זיין אז דער בית המקדש איז חרוב גיווארען איז ביי זיי צו גינומען גיווארען די פליגעל פון די פים . פרעגט די גמרא אין איין פסוק שטייט טויזענד מאהל טויזענד מלאכים בדינען פאר גאט . אונ צעהן טויזענד מאהל צעהן טויזענד שטייען פאר איהם . אונ אין איין פסוק שטייט עס איז גאר ניטא קיין צאהל וויא פיל מלאכים עס זענען דא . זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא ווען דער בית המקדש איז גישטאנען איז גיוועזן אזוי פיל מלאכים אז עס איז ניט גיוועזן קיין צאהל . אונ ווען דער בית המקדש איז ניטא זענען ווייניגער גיווארין דיא מלאכים . מיר האבען גילערונט בבי זאגט פון אבא יוסי בן דוסתאים וועגין אין יעדער מחנה מלאכים זענען דא טויזענד מאהל טויזענד מלאכים . אבער מחנות זענען דא אזוי פיל אז עס איז גאר ניטא קיין צאהל . אונ רב ירמיה בר אבא זאגט טויזענד מאהל טויזענד בדינען ביי דעם טייך נהר אטייך פון פייער . אזוי

וויא

מהיכן נפק (אמר רב ירמיה בר אבא אמר רב) מזיעת של חיות ולהיכן שפיך אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב על ראש רשעים בגיהנם שנאמר (ירמיה כג) הנה סערת ה' חמה יצאה וסער מתחולל על ראש רשעים יחול ורב אחא בר יעקב אמר על אשר קומטו שנאמר (איוב כב) אשר קומטו ולא עת נהר יוצק יסודם. תניא אמר רבי שמעון החסיד אלו תשע מאות ושבעים וארבעה דורות שקומטו להבראות (דף יד) קודם שנברא העולם ולא נבראו עמד הקב"ה (וטרדן) ושתלן בכל דור ודור והן הן עזי פנים שבדור ורב נחמן בר יצחק אמר אשר קומטו לברכה הוא דכתיב אלו תלמידי חכמים שמקמטים את עצמן (משינה) על דברי תורה בעולם הזה הקב"ה מגלה להם סוד (הנהר) לעולם הבא שנאמר (איוב כב) נהר יוצק יסודם. אמר ליה שמואל לחייא בר רב בר אוריין תא אימא לך מילתא מהני מילי מעלייתא דהוה אמר אבוך כל יומא ויומא נבראים מלאכי השרת מנהר דינור ואומרים שירה ובטלים שנאמר (א' כה ג) חדשים לבקרים רבה אמונתך ופליגא דרבי שמואל בר נחמני דאמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל דבור ודבור שיוצא מפי הקדוש ב"ה נברא ממנו מלאך אחד שנאמר (תהלים לג) בדבר ה' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם. כתוב אחד אומר (דניאל ז) לבושה

על אשר קומטו בלא עת: שבע מאות ושבעים וארבעה דורות שהעביר הקב"ה מן העולם קודם מתן תורה ולא בראם כדקאמר לקמן והנהו נגזרים (נכשטותם) ועליהם נאמר (ובזו) ונהר יוצק יסודם והיינו נהר דינור שמן עליהם: קומטו לברכות. (עלו במחשבה) נגזרו להבראות לשון וקמטני לעד היה: קודם שנברא העולם. עלי עליהם לברכות שיבואו קודם מתן תורה לקיים מה שנאמר דבר צוה לאלף דור ראויה היתה תורה ליתן לסוף אלף דור וכשראה שאין העולם מתקיים בלא תורה עמד וטרדן מן העולם והמתין מתן תורה לעשרים ושש דורות מאדם עד משה רבינו:

---

וויא עס שטייט אין פסוק דער טייך דינור ווערט גיצויגען אונ עס גייט ארויס פון איהם טוועגן די מלאכים וואס בדינען איהם. פון וואנען איז גיווארען דער טייך דינור. פון די שווייס פון די חיות. וואו אהין ווערט אויס גיגאסען דער טייך. האט רב זוטרא בר טוביה גיזאגט פון רבס וועגין דער טייך גייט אויף די קעפ פון די רשעים וואס זענען אין גיהנם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער שטורעם פון גאט גייט ארויס מיט כעס אונ דער שטורעם רוהט אויף דיא קעפ פון די רשעים. רב אחא בר יעקב זאגט דער טייך דינור ווערט אויס גיגאסען אויף די מענטשין וואס זענען פאר שניטען גיווארען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא וואס זענען פאר שניטען גיווארען אין דער צייט אויף זיי ווערט גיגאסען דער טייך דינור. מיר האבען גילערונט רבי שמעון דער חסיד האט גיזאגט דאס זענען דיא ניין הונדערט פיר אונ זיבעציג דורות וואס זייא האבען גיזאלט בשאפען ווערין איידער די וועלט איז בשאפען גיווארען. אונ זייא זענען ניט בשאפען גיווארען. האט גאט איין גיפלאנצט פון זיי אביסעל אין יעדער דור אונ דאס זענען די מענטשין וואס האבען עזות פנים. רב נחמן בר יצחק זאגט דעם פסוק אשר קומטו מיינט מען צוא גוטען. דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס זייא פאר שניידען זייער גוף פון וועגין דער תורה אויף דער וועלט. וועט גאט זיי זאגען סודות פון דער תורה אויף עולם הבא. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נהר יוצק יסודם. די סודות פון דער תורה וועט צו זייא גיגאסען ווערין אזוי ווי א טייך. שמואל האט גיזאגט צו חייא בר רב דוא למדן קום איך וועל דיר זאגען אזאך פון די גוטע זאכען וואס דיין פאטער פלעגט זאגען אלע טאג ווערין בשאפען מלאכים פון טייך דינור אונ זיי זאגען שירה. אונ זייא ווערין פאר לארען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חדשים לבקרים. אלע אין דער פריא ווערין בשאפען נייע מלאכים. רבה אמונתך. דיין גלויב איז פיל אויף זיי. זיי גלויבען פיל צו גאט. אונ רב קריגט אויף רב שמואל בר נחמני. וואָרום רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן וועגין יעדער ווארט וואס גייט ארויס פון די מויל פון גאט ווערט פון איהם בשאפען איין מלאך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיט די ווארט פון גאט איז דיא הימעל בעשאפען גיווארען אונ מיט דעם ווינט פון זיין מויל זענען בשאפען גיווארען אלע מלאכים. פרעגט די גמרא אין איין פסוק שטייט זיין קלייד איז ווייס

לבושה כתלג חור ושער ראשה כעמר נקא וכתיב (ש"ה ה) ראשו כתם פז וגו' שחורות כעורב לא קשיא כאן בישיבה כאן במלחמה דאמר מר אין לך נאה בישיבה אלא זקן ואין לך נאה במלחמה אלא בחור. כתוב אחד אומר (דניאל ז) כרסיה שביבין די נור גלגלוהי נור דלק וכתוב אחד אומר (שם) עד די כרסון רמיו ועתיק יומין יתיב לא קשיא אחד לו ואחד לדוד דתניא אחד לו ואחד לדוד דברי רבי עקיבא אמר לו רבי יוסי הגלילי עקיבא עד מתי אתה עושה שכינה חול אלא אחד לדין ואחד לצדקה קבלה מיניה או לא קבלה מיניה ת"ש (דתניא) אחד לדין ואחד לצדקה דברי רבי עקיבא אמר לו רבי אלעזר בן עזריה עקיבא מה לך אצל אגדות כלך מדברותיך ולך אצל נגעים ואהלות אלא אחד לכסא ואחד לשרפרף כסא לישב עליו שרפרף להדום רגליו שנאמר (ישעיה סו) כה אמר ה' השמים כסאי והארץ הדום רגלי. כי אתא רב דימי אמר שמונה עשרה קללות קלל ישעיה הנביא את ישראל ולא נתקררה דעתו עד שאמר להם מקרא זה (שם ג) ונגש העם איש באיש ואיש ברעהו ירהבו הנער בזקן והנקלה בנכבד. י"ח קללות מאי ניהו דכתיב (שם) כי הנה הארון ה' צבאות מסיר מירושלים ומיהודה משען ומשענה כל משען

רבה אמונך. רבה הבטחתך עליהם : כרסיה. משמע כסא אחד : כרסון רמיו. שני כסאות נתקנו לישב עליהם : (אחד לו ואחד לדוד. בסנהדרין פ"ק רביעי) : שכינה חול. להושיב אדם אצלו : כלך מדברותיך. הלך מדבריך עד שתגיע בנ"ע ואהלות שהן (עומקי הלכה) (הלכות עמוקות). קלל ישעיה את ישראל. כלומר נתנבא עליהם י"ח פורעניות : ירהבו. יתגאו : שם מלום סדי

---

ויא שניי אונ די האר פון זיין קאפ איז אזוי וויא ריינע וואל. אין איין אנדערין פסוק שטייט אויף זיין קאפ איז אקרוין פון גאלד אונ דיא האר זענען שווארץ אזוי וויא אקרא. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא ווען גאט קומט לערנען תורה בווייזט ער זיך וויים. אונ ווען גאט קומט צו אמלחמה בווייזט ער זיך שווארץ. ווארום אראש ישיבה איז שיין איין אלטער מאן אונ אין אמלחמה איז שיין איונגער מאן. פרעגט די גמרא אין איין פסוק שטייט זיין שטוהל איז פון פונקען פייער זיינע רעדער זענען ברענענדיגער פייער. איז דאך גאר דא איין שטוהל. אונ אין אנדערין פסוק שטייט די שטוהלין זענען גישטעלט גיווארען אונ דער וואס איז אלט אין טעג גאט זיצט. איז דאך דא צוויי שטוהלין. עס איז ניט קיין קשיא. איין שטוהל איז פאר גאט אונ איין שטוהל איז פאר דוד. ווארום מיר האבען גילערנט. איין שטוהל איז פאר גאט. אונ איין שטוהל איז פאר דוד. אזוי זאגט רבי עקיבא. האט רבי יוסי הגלילי גזאגט צו רבי עקיבא. עקיבא ביז וויא לאנג וועסטו מאכען די שכינה אזוי פראסט. אז דוד זאל זיצען נעבין די שכינה. נאר אויף איין שטוהל זיצט גאט ווען ער משפט די וועלט. אונ אויף דעם אנדערין שטוהל זיצט ער ווען ער טוהט צדקה אויף דער וועלט. האט רבי עקיבא אן גענומען די רייד פון רבי יוסי. אדער ער האט זיי ניט אן גענומען. זאגט די גמרא מיר האבען גילערנט אויף איין שטוהל זיצט גאט ווען ער משפט די וועלט. אונ אויף דעם אנדערין שטוהל זיצט ער ווען ער טוהט צדקה אויף דער וועלט. אזוי זאגט רבי עקיבא. אזוי וויא רבי יוסי. האט רבי אלעזר בן עזריה גזאגט צו רבי עקיבא. עקיבא וואס טויג דיר צו לערנען אגדה. גיי אוועק פון דיינע רייד וואס דו רעדסט אין אגדה גיי צו דיא דינים פון נגעים אונ אהלות. נאר וועגען דיא צוויי שטוהלין. איינער איז א שטוהל צו זיצען אויף איהם. אונ איינער איז א פוסען בייגקעל צו הארטען אויף איהם דיא פיס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט די הימעל איז מיין שטוהל אונ דיא ערד איז דער פוסען בייגקעל פון מיינע פיס. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט אכטצעהן קללות האט ישעיה הנביא גישאלטען דיא יודען. אונ ער איז נאך ניט געקיהלט גיווארען ביז ער האט גזאגט צו זיי דעם פסוק דאס פאלק וועט צו דריקען איין מענטש דעם אנדערין מענטש. איין מענטש וועט צו דריקען זיין חבר. דער יונגער וועט זיין גרעסער וויא דער אלטער. דער פראסטער מענטש וועט זיין גרעסער וויא דער מענטש וואס מען דארף איהם געבין כבוד. וואס זענען די אכטצעהן קללות. עס שטייט אין פסוק דער הערר גאט וועט

משען לחם וכל משען מים גבור ואיש מלחמה שופט ונביא וקוסם וזקן שר חמשים ונשוא פנים ויועץ וחכם חרשים ונבון לחש ונתתי נערים שריהם ותעלולים ימשלו בם. משען אלו בעלי מקרא. משענה אלו בעלי משנה כגון רבי יהודה בן (בתירא) [תימא] וחבריו פליגי בה רב פפא ורבנן חד אמר שש מאות סדרי משנה וח"א ז' מאות סדרי משנה כל משען לחם אלו בעלי גמרא שנא' לכו לחמו בלחמי ושתו ביין מסכתי. כל משען מים אלו בעלי אגדות שמושכין לבו של אדם כמים באגדה. גבור זה בעל שמועות (דבר אחר זה המתגבר ביצרו). איש מלחמה שיודע לישא וליתן במלחמתה של תורה. שופט זה דיין שדן דין אמת לאמתו. נביא כמשמעו. קוסם זה מלך שנאמר (מש טז) קסם על שפתי מלך במשפט לא ימעל פיו. זקן זה שרגיל לישב בישיבה. שר חמשים אל תקרי שר חמשים אלא שר חומשים שיודע לישא וליתן בחמשה חומשי תורה. דבר אחר שר חמשים כדרבי אבהו דאמר רבי אבהו מכאן שאין מעמידין מתורגמנין על הצבור פחות מנ' שנה. נשוא פנים זה שנושאים פנים לדורו בעבורו למעלה כגון ר"ח בן דוסא למטה כגון רבי אבהו

בי

משנה. בין מימיהם: לחם אלו בעלי גמרא. שיש לסמוך על הוראתם כסמיכת הלחם: בעל שמועות. ששמע הלכות פסוקות מרבותיו וסדורות ושגורות בפיו: ראוי לישב בישיבה. ליטול ממנו עצה בכל דבר חכמה: כדרבי אבהו, להעמיד לפניו מתורגמן לדרוש לרבים: למעלה נושאין פנים לדורו בעבורו. שהכל ניזונין בזכותו: כגון רבי חנינא בן דוסא. כדאמרינן בעלמא כל העולם לא ניזון אלא בשביל חנינא בני וחנינא בני די לו בקב חרובין מערב שבת לע"ש: למטה. מלכי אוה"ע מכבדין אותן בשבילו: רבי אבהו. הוה חשוב בבית המלך כדאמרינן

---

אבטאהן פון ירושלים און פון יהודה משען ומשענה כל משען לחם וכל משען מים גבור ואיש מלחמה שופט ונביא וקוסם וזקן שר חמשים ונשוא פנים וויעץ וחכם חרשים ונבון לחש ונתתי נערים שריהם ותעלולים ימשלו בם. משען א אנלעהנונג מיינט מען די מענשען וואס לערנען תורה נביאים וכתובים. משענה א שטארקערע אנלעהנונג דאס מיינט מען די מענשען וואס לערנען משניות אזוי ווי רבי יהודה בן תימא מיט זיינע חברים. רב פפא מיט די רבנן קריגען איינער זאגט זעקס הונדערט סדרים משניות איז געווען און איינער זאגט זיבען הונדערט סדרים משניות איז געווען. כל משען לחם אלע אונטערלעהנונג פון ברויט דאס מיינט מען די מענשען וואס לערנען גמרא אזוי ווי ס'שטעהט אין פסוק געהט עסען מיין ברויט און טרינקען מיין וויין. כל משען מים אלע אונטערלעהנונג פון וואסער דאס מיינט מען די מענשען וואס לערנען אגדה דען די ערצעהלונגען פון אגדה ציהט די הארץ פון מענשען אזוי ווי וואסער ער זאל דאס הערען. גבור א שטארקער דאס מיינט מען דעם מענש וואס איז שטארק אין דער תורה ער ווייס פיעל דינים. איש מלחמה מיינט מען דעם מענש וואס קען האלטען מלחמה אין דער תורה ער ווייס צו פרעגען קשיות און ענטפערן תירוצים. שופט מיינט מען א דיין וואס ווייס צו פסק'נען א אמת'ן דין. און א נביא. קוסם מיינט מען א מלך אזוי ווי ס'שטעהט אין פסוק קסם על שפתי מלך וואס דער מלך רעדט איז אזוי ווי א כשוף דאס ווערט באלד געטהון דריבער דארף ער זיך היטען אז ער וויל איינעם משפט'ן זאל זיין מויל זאגען דעם ריכטיגען משפט. זקן מיינט מען אנ'אלטען מאן וואס ער איז א חכם ער קען זיין א ראש ישיבה. שר חמשים זאלסט ניט לייענען חמשים נאר זאלסט לייענען חומשים ער איז א שר וואס ווייס צו לערנען די פינף חומשים פון דער תורה. אדער שר חמשים מיינט מען א שר וואס איז אלט פופציג יאהר דען רבי אבהו האט געזאגט דער וואס איז אלט ווייניגער ווי פופציג יאהר זאל ער זיך ניט שטעלען פאר א שוהל מענשען איבערצוזאגען אויף תרגום וואס מען האט געלייענט אין דער תורה (אזוי איז געווען פארצייטען דער מנהג). נשוא פנים מיינט מען אזא מענש וואס אלע יודען האבען כבוד דורך איהם. פון הימעל כבוד איז געווען דורך ר' חנינא בן דוסא מען האט געשפייזט די גאנצע וועלט דורך זיין זכות, אויף דער ערד כבוד איז געווען דורך רבי אבהו ביים קייזער וויל דער קייזער האט ליעב געהאט רבי אבהו דריבער פלעגט ער טהון טובות צו אלע יודען

בי קיסר. יועץ זה שיודע לעבר שנים ולקבוע חדשים. חכם זה הלמיד המחכים את רבותיו. חרשים זה שנעשו הכל לפני כחרשים בשעה שפותח בדברי תורה. ונבון זה המבין דבר מתוך דבר. לחש זה שראוי למסור לו דברי תורה שניתנו בלחש. ונתתי נערים שריהם [אמר רבי אלעזר] אלו בני אדם שמנוערים מן המצות. ותעלולים ימשלו בם אמר רב אחא בר יעקב אלו תעלי בני תעלי. ולא נתקררה דעתו עד שאמר להם ירהבו הנער וגו' מאי ירהבו הנער בזקן יבואו בני אדם שמנוערים מן המצות וירהבו במי שמלא מצות כרמון. מאי והנקלה בנכבד יבאו מי שחמורות דומות להם כקלות וירהבו במי שקלות דומות עליהם כחמורות. אמר רב קטינא אפילו בשעת כשלונה של ירושלים לא פסקו מהם אנשי אמנה שנאמר (ישעיה ג) כי יתפוש איש באחיו בית אביו שמלה לכה קצין תהיה לנו דברים שכל אחד מתכסין בהם כשמלה ישנן תחת ידך. (שם) והמכשלה הזאת מאי והמכשלה הזאת דברים שאין בני אדם עומדים עליהם אלא אם כן נכשלו בהן ישנן תחת ידך (קצין תהיה לנו) (שם) ישא ביום ההוא לאמר לא אהיה חובש אין ישא אלא שבועה שנאמר (שמות כ) לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא. לא אהיה חובש מאי לא (אהיה) [הייתי] מחובשי בית המדרש

בסנהדרין דהוו נפקין אמתא דבי קיסר [ואפיס וכו'] (יחסרין ליה): שראוי למסור לו וכו'. כמו אב ב"ד ולא דואג בקרבו: שמלא. שואל: כי יתפש איש באחיו. הכתוב היה מגנה אותן לומר שלא היו יודעין להשיב לשואלין בדבר הלכה: שכל אדם מתכסין בהן. (שהיו) נמנעין שלא ישאלו להם לפי שלא היו בקיאין בהם: ישנן תחת ידך. כלומר אתה בקי בהן: אלא אם כן נכשל בהן. כשהתלמיד נכשל בשמועתו פעם ראשונה ושניה הוא נותן לב לעמוד על שמועתו: לא אהיה. איני רגיל להיות:

---

יועץ מיינט מען דער וואס ווייס וועלכער יאהר דארף זיין אעיבור. אונ ווען עס דארף זיין ראש חודש. חכם מיינט מען אזוי אתלמיד וואס ער מאכט קלוג זיין רבי. חרשים מיינט מען אזוי אחכם ווען ער הייבט אן צו ריידען תורה ווערין אלע שטיהל צו הערין זיינע רייד. נבון מיינט מען אזוי אחכם וואס ער פאר שטייט איין זאך פון די אנדערע זאך. לחש מיינט מען אזוי אחכם וואס מען מעג איהם זאגען די סודות פון דיא תורה. ונתתי נערים שריהם. רבי אלעזר זאגט דאס מיינט מען אזעלכע מענטשין וואס זענען אפ געשאקילט פון מצות. זעלן זיין איערע הערין. ותעלולים ימשלו בם. רב אחא בר יעקב זאגט תעלולים איז טייטש פיקס. דאס מיינט מען אזעלכע נידעריגע מענטשין וואס זענען אזוי ווי קליינע פיקס וועלע גיוועלטיגען אויף אייך. אונ ער איז נאך ניט געקיהלט געווארען ביז ער האט גזאגט ירהבו הנער בזקן. עס וועלין קומען מענטשין וואס זענען אפ געשאקילט פון מצות אונ וועלין גיוועלטיגען אויף אזעלכע מענטשין וואס זענען פוהל מיט מצות אזוי ווי אמילגרוים איז פול מיט קערנער. וואס מיינט מען והנקלה בנכבד. עס וועלען קומען אזעלכע מענטשין וואס די שווערסטע עבירות זענען ביי זיי גרינג. אונ וועלען גיוועלטיגען אויף אזעלכע מענטשין וואס דיא גרינגסטע עבירות זענען ביי זיי שווער. רב קטינא האט גזאגט אפילו ווען ירושלים איז גישטרויכעלט געווארען פון דעסטוועגין האט ניט אויף גיהערט צו זיין אין איר אמתה מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איינער וועט אן נעמען זיין ברודער פון זיין פאטערס פאמיליע אונ וועט זאגען צו איהם דוא האסט אקלייד דוא וועסט זיין ביי אונז אהער. דאס מיינט מען די זאכען וואס יעדער פאר דעקט זיך אזוי וויא מיט אקלייד. דער וואס קען ניט לערנען באהאלט ער זיך מען זאל ניט פרעגין ביי איהם. די זאכען זענען דא ביי דיר. דו קענסט יא לערנען. אונ די שטרויכלונג. דאס מיינט מען דיא זאכען וואס מענטשין ווייסען זייא ניט. סיידין זיי ווערין פריער גישטרויכעלט אויף זיי. דאס מיינט מען דיא תורה וואס מען ווייס ניט פריער דעם אמתין פשט ביז מען מאטערט זיך גוט. די זאכען זענען דא ביי דיר. דוא ווייסט יא די תורה. ישא ביום ההוא לאמר. ישא מיינט מען שווערין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לא תשא את שם יי אלהיך לשוא. דוא זאלסט ניט שווערין ביא דעם נאמען פון גאט אומזיסט. ווען דוא בארפסט ניט. וועט דער מענטש שווערין אונ וועט זאגען לא אהיה חובש

ודילמא . כלו' לא משום דאנשי אמונה הוו אלא משום דאי אמר גמירנא הוה אמרי ליה אימא לן

המדרש . ובביתי אין לחם ואין שמלה שאין בידי לא מקרא ולא משנה ולא גמרא . ודילמא שאני התם דאי אמר להו גמירנא אמרו ליה אימא לן הוה ליה למימר גמר ושכח ומאי לא אהיה חובש לא אהיה חובש כלל . איני והאמר רבא לא חרבה ירושלים עד שפסקו ממנה אנשי אמנה שנאמר (ירמיה ה) שוטטו בחוצות ירושלים וראו נא ודעו ובקשו ברחובותיה אם תמצאו איש אם יש עושה משפט מבקש אמונה ואסלח לה לא קשיא (כ"ג) הא בדברי תורה הא במשא ובמתן בדברי תורה הוו במשא ובמתן לא הוו :

ד תנו רבנן מעשה ברבי יוחנן בן זכאי שהיה רוכב על החמור (ויצא מירושלים) [והיה מהלך בדרך] והיה רבי אלעזר בן ערך (תלמידו) מחמר אחריו ללמד תורה מפיו אמר לו רבי שנה לי פרק אחד במעשה מרכבה אמר לו בני לא כך שניתי לכם ולא במרכבה ביחיד אלא אם כן היה חכם ומבין מדעתו אמר ליה רבי הרשני לומר לפניך (ממה) [דבר אחד] שלמדתני אמר ליה אמור מיד ירד רבן יוחנן בן זכאי מן החמור ונתעטף וישב על אבן אחת תחת הזית אמר ליה רבי מפני מה ירדת מן החמור אמר לו אפשר אתה דורש מעשה מרכבה ושכינה עמנו ומה"ש מלוין אותנו ואני ארכוב על החמור מיד פתח ר"א בן ערך ודרש

---

חובש . איך בין קיין מאהל ניט גיוועזען אין בית המדרש . אין מיין שטוב איז ניטא קיין ברויט אונ ניט קיין קלייד . איך ווייס ניט קיין תורה נביאים כתובים אונ ניט קיין משניות : אונ ניט קיין גמרא . זעהן מיר אז דער וואס האט ניט גיקענט לערנען האט גזאגט דעם אמת ער קען ניט . פרעגט די גמרא ער האט דאך גימוזט זאגין דעם אמת . ווארום אז ער וואלט זאגען איך האב גילערונט . וואלט מען גזאגט צו איהם זאג אונז וואס דוא האסט גילערינט . אונ ער ווייס דאך ניט וואס צו זאגין . ענטפערט דיא גמרא ער האט דאך גיקענט זאגען ער האט גילערונט אונ ער האט פאר געסין . פאר וואס הט ער גזאגט איך בין קיין מאהל ניט גיוועזען אין בית המדרש . דאס איז ווייל זיי זענען ניט גיוועזען קיין ליגנער . פרעגט די גמרא רבא הט דאך גזאגט ירושלים איז ניט חרוב גיווארען ביז עס איז שוין ניט גיוועזען קיין אמתה מענטשין אין ירושלים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שוועבט ארום אין די גאסען פון ירושלים אונ זעהט אונ ווייסט אונ זוכט אין די גאסען אויב איר וועט געפינען א מענטשין וואס טוהט משפט ער זוכט דעם אמת וועל איך פאר געבין . זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא . צו דער תורה זענען זייא גיוועזען אמתה מענטשין . אונ צום האנדעל זענען זייא ניט גיוועזען קיין אמתת מענטשין :

ד תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט רבן יוחנן בן זכאי האט אמאהל געריטען אויף א אייזיל אונ איז גיגאנגען אין וועג . אונ זיין תלמיד רבי אלעזר בן ערך איז גיגאנגען אינטער איהם ער האט גיוואלט לערנען תורה פון רבן יוחנן . האט רבי אלעזר גזאגט צו רבן יוחנן רבי לערין מיט מיר א פרק פון מעשה מרכבה . האט רבן יוחנן גזאגט צו רבי אלעזר מיין זוהן האב איך דען אייך ניט גילערונט אז מען טאר ניט לערנען מעשה מרכבה . אפילו צו איין תלמיד אויך ניט : נאר דער וואס איז א חכם אונ פאר שטייט אליין מעג ער לערנען פאר זיך מעשה מרכבה . האט רבי אלעזר גזאגט צו רבי יוחנן רבי דער לויב מיר צו זאגען פאר דיר איין זאך פון מעשה מרכבה וואס דוא האסט מיט מיר גילערונט . האט רבי יוחנן גזאגט צו רבי אלעזר זאג . איז רבן יוחנן בן זכאי באלד אראפ גיגאנגען פון אייזיל אונ האט זיך איינגעוויקולט אין זיין קלייד . אונ האט זיך גיזעצט אויף א שטיין אונטער א אייל בירט בוים . האט רבי אלעזר גזאגט צו רבן יוחנן . רבי פאר וואס ביסטו אראפ גיגאנגען פון אייזיל . האט רבן יוחנן גזאגט צו רבי אלעזר דוא וועסט דרשנן מעשה מרכבה אונ די שכינה וועט זיין מיט אונז אונ מלאכים וועלען זיך בהעפטען מיט אונז וועל איך רייטען אויף א אייזיל . האט רבי אלעזר בן ערך א גיהויבען

דרש במעשה מרכבה ירדה אש מן השמים (וסבבה) (וסכסכה) את כל האילנות שבשדה פתחו כל האילנות ואמרו שירה מה שירה אמרו (תהלים קמח) הללו את ה' מן הארץ תנינים וכל תהומות וגו' עץ פרי וכל ארזים וגו' הללויה (ויש אומרים שירה זאת אמרו (ד"ה א טז) אז ירננו עצי היער) ואף מלאך נענה מתוך האש ואמר ודאי הן הן מעשה מרכבה עמד ר' יוחנן בן זכאי ונשקו על ראשו ואמר ברוך ה' אלהי ישראל אשר נתן בן לאברהם אבינו שיודע להבין ולחקור ולדרוש במעשה מרכבה כאלעזר בן ערך. יש נאה דורש ואין נאה מקיים ויש נאה מקיים ואין נאה דורש אבל אתה אלעזר בן ערך נאה דורש ונאה מקיים אשריך אברהם אבינו שאלעזר בן ערך יצא מחלציך. וכשנאמרו הדברים לפני ר' יהושע היה הוא ור' יוסי הכהן מהלכין בדרך אמרו אף אנו נדרוש במעשה מרכבה פתח ר' יהושע ודרש במעשה מרכבה ואותו היום תקופת תמוז היתה ונתקשרו השמים בעבים ונראה כמין קשת בענן והיו מלאכי השרת מתקבצין ובאין לשמוע מעשה מרכבה כבני אדם שמתקבצין ובאין לראות במזמוטי חתן וכלה הלך רבי יוסי הכהן וספר הדברים לפני רבי יוחנן בן זכאי אמר אשריכם ואשרי יולדתכם אשרי עיני שכך ראו אף אני ואתם בחלומי מסובין היינו על הר סיני ונתנה עלינו בת קול מן השמים (ואמרו) עלו לכאן טרקלין גדולים מוצעים לכם ומצעות נאות מוצעות לכם אתם ותלמידיכם ותלמידי תלמידיכם מזומנין לכת שלישית. איני והא תניא רבי יוסי ברבי יהודה אומר שלש הרצאות הן

וסוף לא ידע (גם זה כפ' כל כהיב): תקופת תמוז היתה. שאין דרך להתקשר שמים בעבים: כמזמוטי חתן. מיני שחוק שמשחקין (לפניו) ולפניהן: וסיפר דברים. כלנו: לכת שלישית. (שלא ג' כתות)

---

גיהויבען צו דרשנן מעשה מרכבה. איז אראפ גיקומען אפייער פון הימעל און האט אפ גיזענקט אלע בוימער וואס זענען גיוועזן אין פעלד. האבען די בוימער אנגיהויבען צוא זאגען שירה. וואס איז גיוועזן די שירה וואס זיי האבען גיזאגט. דעם קאפיטל קמח אין תהלים. און אמלאך האט גיענטפערט פון פייער און האט גיזאגט דאס איז אמתה מעשה מרכבה וואס רבי אלעזר האט גידרשת. האט זיך רבי יוחנן אויף גישטעלט און האט גיקושט דעם קאפ פון רבי אלעזר. און ער האט גיזאגט גילויבט איז הי דער גאט פון יורען וואס ער האט גיגעבין אזוהן צו אברהם אבינו וואס ער ווייס און פאר שטייט צו פארשטין און צו דרשנן מעשה מרכבה. דאס איז אלעזר בן ערך. עס איז אמאהל דא איינער דרשת שיין. ער איז אבער ניט שיין מקיים. און אמאהל איז איינער שיין מקיים. און ער קען ניט שיין דרשנן. אבער דו אלעזר בן ערך דוא דרשת שיין און ביסט שיין מקיים. וואהל צו דיר אברהם אבינו אז אלעזר בן ערך איז פון דיר גיבוירען גיווארען. אז מען הט דער ציילט די זאך פאר רבי יהושע. איז רבי יהושע און רבי יוסי הכהן גיגאנגען אין וועג. האבען זיי גיזאגט מיר וועלען אויך דרשנן מעשה מרכבה. האט רבי יהושע אן גיהויבען צו דרשנן מעשה מרכבה. דער טאג איז גיוועזן די תקופה פון תמוז. איז פאר דעקט גיווארען דער הימעל מיט דיא וואלקינס. און עס איז גיזעהן גיווארען אבויגן אין די וואלקינס. און דיא מלאכים האבען זיך פאר זאמעלט און זענען גיקומען הערין מעשה מרכבה. אזוי ווי מענטשין וואס פאר זאמלען זיך און קומען זעהן ווי מען שפילט פאר אחתן מיט אכלה. איז גיגאנגען רבי יוסי הכהן און האט דער ציילט די זאכען פאר רבן יוחנן בן זכאי. האט רבי יוחנן גיזאגט וואהל צו אייך און וואהל צוא אייערע עלטערין וואס האבען אייך גיבוירען וואהל צו מיינע אויגען וואס זייא האבען דאס גיזעהן. און איך האב גיזעהן אין חלום אז איך און איר זענען מיר גיוועזן אויף דעם בארג סיני. איז ארויס אקול פון הימעל און האט גיזאגט גייט ארויף אהער. גרויסע פאלאסטין איז אנגיברייט פון אייערט וועגין. גרויסע אוים בעטונג איז אוים גיבעט פון אייערט וועגין. איר און אייערע תלמידים. און אייערע תלמידיםס תלמידים. זענט איר אן גיברייט צו זיצען אין די דריטע באנק פאר גאט. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך גילערונט רבי יוסי ברבי יהודה

הן ר' (יוסי הכהן) [יהושע] הרצה דברים לפני רבן יוחנן בן זכאי ר' עקיבא הרצה דברים לפני רבי יהושע (רבי חנינא) [חנניה] בן חכינאי הרצה דברים לפני רבי עקיבא ואלו ר' אלעזר בן ערך לא קא חשיב ליה דארצי וארצו קמיה קא חשיב דא־צי ולא ארצו קמיה לא קא חשיב איני והא (ר' חנינא) [חנניה] בן חכינאי דארצי ולא ארצו קמיה וקא חשיב ליה אלא דארצי מיהא קמיה מאן דא־צי (הוה קא חשיב):

ה ת"ר ארבעה נכנסו לפרדס אלו הן בן עזאי בן זומא ואחר ורבי עקיבא אמר להם רבי עקיבא כשתכנסו אצל אבני שיש טהור הזהרו שלא תאמרו מים מים משום דכתיב (תהלים קא) דובר שקרים לא יכון לנגד עיני. בן עזאי הציץ ומת ועליו הכתוב אומר (שם קטז) יקר בעיני ה' המותה לחסידיו. בן זומא הציץ ונפגע עליו הכתוב אומר (משלי כה) דבש מצאת אכול

**פירוש**

שיושבות לפני השכינה: הרצה דברים. דרש במעשה מרכבה: דארצי וארצו קמיה. שהרצה לפני אחרים ואחרים הרצו לפניו: דארצי מיהא קמיה מאן דארצי. אם לא הרצו אחרים לפניו הוא הרצה לפני מי שהוא והרצה לפני אחרים לכך הוזקק להאמת כאן משום דר"ע להודיע שהוא הרצה ואחרים הרצו לפניו אבל ר"א לא אחרים הרצו לפניו ולא הוא הרצה לפני מי שהרצה לפני אחרים: נכנסו לפרדס. עלו לרקיע על ידי שם: שיש טהור. מבהיק כמים צלולים: אל תאמרו מים מים. יש כאן איך נלך: בן זומא הציץ לנגד השכינה: ונפגע. נטרפה דעתו: יקר בעיני ה' המותה לחסידיו. הוקשה מיתתו בעיניו לפי שמת בחור ואעפ"כ אי אפשר שלא ימות משום שנאמר

---

יהודה האט געזאגט דריי הערציילונגען פון מעשה מרכבה איז געווען. רבי יהושע האט גידרשת מעשה מרכבה פאר רבן יוחנן בן זכאי. רבי עקיבא האט גידרשת מעשה מרכבה פאר רבי יהושע. רבי חנניה בן חכינאי האט גידרשת מעשה מרכבה פאר רבי עקיבא. אונ רבי אלעזר בן ערך רעכענט מען גאר ניט או ער האט אויך גידרשת מעשה מרכבה. ענטפערט די גמרא דא רעכענט מען נאר די מענטשען וואס האבען גידרשת מעשה מרכבה פאר אנדערע. אונ אנדערע האבען גידרשת פאר זיי. אבער די מענטשען וואס האבען גידרשת מעשה מרכבה פר אנדערע. אונ פאר זיי האט מען ניט גידרשת. דיא רעכענט מען ניט. דריבער רעכענט מען ניט רבי אלעזר בן ערך ווארום ער האט גידרשת מעשה מרכבה פאר רבי יוחנן. אונ פאר איהם האט קיינער ניט גידרשת. פרעגט די גמרא רבי חנניה בן חכינאי האט דאך אויך גידרשת מעשה מרכבה פאר רבי עקיבא. אונ פאר רבי חנניה האט קיינער ניט גידרשת. פון דעסטוועגען רעכענט מען איהם. ענטפערט דיא גמרא וויל רבי חנניה האט גידרשת מעשה מרכבה פאר רבי עקיבא. אונ רבי עקיבא האט גידרשת פאר אנדערע. פון וועגען רבי עקיבא צוא וויזען או רבי עקיבא האט גידרשת פאר אנדערע אונ אנדערע האבען גידרשת פר אים. דריבער רעכענט ער רבי חנניה. אבער רבי אלעזר בן ערך האט גידרשת פר רבי יוחנן אונ רבן יוחנן האט פר קיינעם ניט גידרשת:

ה תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערענט פיר מענטשען זענען אריין געגאנגען אין אוויינגארטען. זייא זענען ארויף געגאנגען אין הימעל. בן עזאי אונ בן זומא אונ אחר ואלישע בן אבויה אונ רבי עקיבא. רבי עקיבא האט צו זיי געזאגט או איר וועט קומען צו דעם ארט וואס דארט איז אויס געשפרייט מארמער שטיין קלארע אונ עס זעהט אויס ווי וואסער. זאלט איר אייך היטען איר זאלט ניט זאגען וואסער וואסער. ווארום איר וועט דאך זאגען אליגען. וועט איר ניט קענען זיין אין הימעל. ווייל עס שטייט אין פסוק דער וואס רעט ליגען זאל ניט זיין פאר מיינע אויגען. בן עזאי האט גיקוקט צו גאט. איז ער געשטארבען. אויף איהם זאגט דער פסוק עס איז שווער אין די אויגען פון גאט די פרומע זאלען שטארבען. ופון דעסטוועגען האט ער גימוזט שטארבען. ווארום גאט האט געזאגט כי לא יראני האדם וחי. דער מענטש וואס וועט מיך זעהן וועט ניט לעבען. בן זומא האט גיקוקט צו גאט איז ער פאר מישט געווארען. ער איז געווארען משוגע. אויף איהם זאגט דער פסוק האסט געפונען האניג עס ביז גינוג. ניט צו פיל. טאמער וועסטו צו פיל זאט ווערין וועסטו אויס ברעכען דיין פריערדיגע עסען אויך. ווייל בן זומא האט געוואלט צו פיל וויסען האט ער פאר לארען דעם פריערדיגען

אכול דייך פן תשבענו והקאתו. אחר קצץ בנטיעות. ר' עקיבא (נכנס בשלום ו) יצא בשלום. שאלו את בן זומא מהו לסרוסי כלבא אמר להם (ויקרא כב) ובארצכם לא תעשו כל שבארצכם לא תעשו. שאלו את בן זומא בתולה שעיברה מהו לכ"ג מי חיישינן להא דשמואל דאמר שמואל (דף סו) יכולני לבעול כמה בעילות בלא דם או דילמא דשמואל לא שכיח א"ל דשמואל לא שכיח וחיישינן שמא באמבטי עיברה והא אמר שמואל כל שכבת זרע שאינו יורה כחץ אינו מזריע דילמא מעיקרא נמי יורה כחץ הואי:

כי לא יראני האדם וחי: שאלו את בן זומא מהו לסרוסי כלבא. הואיל וסירוס בהיב אלא מומי קרבן וכלב אפילו חליפיו אסור למזבח מהו ומחיר כלב אסור לסרסו או לא: בתולה שעיברה מהו לכהן גדול. והיא אומרת שמצאו לה בתולים אי"ג כ"ג כלה ולא ידע שהיא מעוברת ומצא לה בתולים ואח"כ נמצאת מעוברת מהו לקיימה משום בתולה מעמיו יקח אשה: יכולני לבעול. הרבה כמה בהטייה וזו נבעלה כן ואסור לקיימה: באמבטי. (קפ"ה) כלי שרוחצין בו כל הגוף וי"ל בהטייה אדם שם שכבת זרע ונכנס לה במעיה: מעיקרא. כהינא מן האדם:

מאין ולאין. מאין תבא והיכן לבך טרוד: סופה הייתי. מתבונן הייתי במעשה בראשית: ואין ביניהם. במקום היבור מקום קצר כיסא

ו ת"ר מעשה בר' יהושע בן חנניה שהיה עומד על גב מעלה בהר הבית וראהו בן זומא ולא עמד מפניו אמר לו מאין ולאין בן זומא א"ל צופה הייתי בין מים העליונים למים התחתונים ואין בין זה לזה אלא שלש אצבעות בלבד שנאמר (בראשית א) ורוח אלהים מרחפת

---

פריערדיגען פאר שטאנד אויך. אחר האט אוים געהאקט די בוימער פון דעם וויינגארטען. דאס מיינט מען ער האט פאר דארבען אונ האט קאלייע געמאכט אלץ וואס ער האט געזעהן אין הימעל. אזוי וויא איינער האקט אוים בוימער פון א וויינגארטען אונ מאכט אים קאלייע. רבי עקיבא איז אריין געגאנגען מיט שלום אונ איז ארוים געגאנגען מיט שלום. מען האט געפרעגט ביי בן זומא אויב מען מעג מאכען אהונט זאל ניט קענען קינדער האבען. האט בן זומא געזאגט עס שטייט אין פסוק ובארצכם לא תעשו. אלע לעבעדיגע זאכען וואס זענען דא אין אייער לאנד טארט איר ניט מאכען זייא זאלען ניט קענען האבען קינדער. מען האט געפרעגט ביי בן זומא אויב א כהן גדול האט גענומען אווייב א בתולה אונ ער האט געפונען ביי איר בתולים. אונ זיא איז געוועזען מעוברת. מעג איר דער כהן גדול האלטען פאר א ווייב. אדער ניין. אויב מיר האבען מורא טאמער איז ביי איר געוועזען אזוי וויא שמואל זאגט. איך קען בועל זיין א בתולה עטליכע מאהל אונ דיא בתולים זאלען פון איר ניט ארוים גיין. טאמער האט איינער אזוי סגולה געוועזען מיט דיא בתולה אויך. טאר איר דער כהן גדול ניט האלטען פאר א ווייב. אדער ניין עס איז גאר ניט צו געפינען נאך איינער זאל אזוי קענען וויא שמואל. האט בן זומא געזאגט דער כהן גדול מעג איר האלטען פאר א ווייב וואדום אזוי וויא שמואל זאגט איז גאר ניט צו געפינען א מענטש זאל אזוי קענען. נאר פון וואנען איז זי מעוברת. עס מוז אזוי זיין. איינער איז געזעסען אין א וואנע וואסער. איז פון איהם ארוים געגאנגען זרע. דער נאך איז אריין געגאנגען די בתולה אין דיא זעלביגע וואסער איז דיא זרע אריין געגאנגען אין איר בויך איז זיא מעוברת געווארען. פרעגט די גמרא שמואל האט דאך געזאגט. די זרע וואס שפריצט ניט ארוים ווי א פייל. קען אשת ניט מעוברת ווערין. ענטפערט די גמרא טאמער ווען די זרע איז ארוים געגאנגען פון דעם מענטשען האט זי ארוים געשפריצט:

ו תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט רבי יהושע בן חנניה איז אמאהל געשטאנען אויף א טרעפ פון די טרעפ וואס זענען אין דעם בארג וואס מען גייט ארויף צום בית המקדש. האט בן זומא געזעהן ווי רבי יהושע שטייט. אונ ער האט זיך ניט געשטעלט פאר איהם. האט רבי יהושע געזאגט צו בן זומא פון וואנען קומסטו אונ וואו אהין טראכסטו צו גיין. האט בן זומא געזאגט איך האב געקוקט אויף די וואסער וואס איבער דעם הימעל אונ אויף די וואסער וואס אויף די ערד. האב איך געזעהן אז אויף דעם ארט וואו דיא הימעל איז ארונטער געבויגען צו די ערד. איז נאר דא אבלייז פון די אונטערשטע וואסער צו די איבערשטע וואסער וויא די ברייט פון דריי פינגער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ורוח אלהים מרחפת על פני המים.

דער

מרחפת על פני המים כיונה זו שמרחפת על בניה (ונוגעת) ואינה נוגעת אמר להם ר' יהושע לתלמידיו עדיין בן זומא מבחוץ מכדי ורוח אלהים [מרחפת על פני המים] כתיב ביום ראשון והבדלה ביום ב' הוא דהוה שנאמר (שם) ויהי מבדיל בין מים למים וכמה א"ר אחא בר יעקב כמלא נימא ורבנן אמרי כגודא דגמלא מר זוטרא ואי תימא רב (אשי) [אמי] אמר כתרי גלימי דפריסי אהדדי ואמרי לה כתרי כסי דסחיפי אהדדי . אחר קיצץ בנטיעות עליו הכתוב אומר (קהלת ה) אל תתן את פיך לחטיא את בשרך מאי חזא חזא מטטרון דאתיהיבא ליה רשותא (חדא שעתא ביומא) למיתב ולמכתב זכותא דישראל אמר גמירי דאין למעלה (לא עמידה) לא ישיבה (ולא קנאה) ולא תחרות ולא עורף ולא עיפוי שמא ח"ו שתי רשויות יש בשמים מיד אפקוהו למטטרון ומחיוהו שתין פולסי דנורא א"ל מאי טעמא כי חזיתיה לא קמת מקמיה אתיהיבא ליה רשותא למימחק זכוותא דאחר יצתה בת קול ואמרה (ירמיה ג) שובו בנים שובבים חוץ מאחר (שידע כבודי ומרד בי) אמר הואיל ואיטריד (ו ליה ל) ההוא גברא כהוא עלמא ליפוק וליתהני בהאי עלמא נפק אחר לתרבות

מקיפא נקפקא : גודא דגמלא . (כגמלא) כשמסדרין לוחות על גשר זו אצל זו א"א שלא פסים ליוח מעט בינתים וכן גלימי וכן כסי : כסי סחיפי . כוסות סתופים כפופים אלינס"ר בלע"ז : אחר קיצץ בנטיעות . קלקל ועוות כשנכנס בפרדס ופקק בנטיעות ולפי שדמה אותו בהתלם הדברים נכנס לפרדס נקט ליטנא דקצץ בנטיעות : לא עמידה לא גרסינן : לא עורף . דלכל צדיקן (יש) להם פנים : עיפוי . עייפות : פולסי . מכת מקל נלאשטונ"א בלע"ז : (שובו בנים שובבים ומו' .

---

דער חינט פון גאט האט געשוועבט אויף דעם וואסער . אזוי ווי א טויב וואס שוועבט איבער דעם נעסט פון איהרע קינדער . אונ זי רירט זיי ניט אן . האט רבי יהושע געזאגט צו זיינע תלמידים בן זומא איז נאך פון אויסוועייניג ער ווייס נאך ניט דיא סודות פון מעשה בראשית . דער פסוק ורוח אלהים מרחפת על פני המים שטייט ביי דעם ערשטען טאג . ווען אלע וואסער זענען געווען צו זאמען . דעם אנדערין טאג זענען די וואסערין אפ געטיילט געווארען . די וואסער וואס איבער דעם הימעל בזונדער . אונ די וואסער וואס אונטער דעם הימעל בזונדער : אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס זאל זיין אצווישען שייד צווישען די אויבערשטע וואסער אונ די אונטערשטע וואסער . וויא פיל איז אפ געטיילט איין וואסער פון די אנדערע , האט רב אחא בר יעקב געזאגט אזוי ווי א האר ; די רבנן זאגען אזוי ווי די ברעטער פון א בריק . אז עס ליגט איין ברעט נעבען אנדערין מוז עפעס זיין אבלייז . מר זוטרא זאגט אונ אנדערע זאגען רב אסי האט געזאגט אזוי ווי מען פאר שפרייט צוויי קליידער איינע אויף די אנדערע . מוז עפעס זיין אבלייז . אנדערע זאגען אזוי ווי מען שטעלט ארויף איין גלאז אויף די אנדערע , איין מויל צום אנדערין מויל . איין דעק אויבין איין דעק אונטען .

אחר איז געשטאנען אחר האט אוים געהאקט די בוימער פון וויין גארטען . אויף איהם זאגט דער פסוק דוא זאלסט ניט געבין דיין מויל צו מאכען זינדיגע דיין פלייש . דוא זאלסט ניט ריידען מיט דיין מויל אזעלכע זאכען וואס דיין גאנצער גוף וועט ווערין פאר זינדיגט . וואס האט אחר געזעהן . ער האט געזעהן אין הימעל וויא דער מלאך מטטרון זיצט אונ שרייבט די מצות פון די יודען . האט אחר געזאגט איך האב געלערנט אז אין הימעל איז ניטא קיין זיצונג אונ קיין כעס אונ קיין האקין נאר אין יעדער זייט איז דא אפנים אונ קיין מידקייט . פאר וואס זיצט מטטרון . טאמער איז דא אין הימעל צוויי געטער . האט מען באלד גינומען מטטרון אונ מען האט איהם געשלאגען זעכציג פייערדיגע שטעקינס . אונ מען האט געזאגט צו איהם אז דוא האסט געזעהן אחר איז דא אין הימעל פאר וואס האסטו דיך ניט געשטעלט פאר איהם . האט מען דער לויבט צו מטטרון ער זאל אפ מעקין די מצות פון אחר . איז ארויס געגאנגען א קול פון הימעל אונ האט געזאגט טוהט תשובה איר ווילדע קינדער אלע וואס וועלען תשובה טאהן וועט זייער תשובה אן גינומען ווערין . נאר אחר נישט . ווי תשובה פון אחר וועט ניט אן גינומען ווערין . האט אחר געזאגט וויל איך בין פאר ווארפען פון עולם הבא .

ווער

לתרבות רעה אשכח זונה תבעה אמרה ליה לאו אלישע בן אבויה אתה (ששמך יצא בכל הארץ) עקר פוגלא ממישרא בשבת ויהיב לה אמרה אחר הוא. שאל אחר את רבי מאיר לאחר שיצא לתרבות רעה מ"ד (קהלת ז) גם את זה לעמת זה עשה האלהים א"ל כל מה שברא הקב"ה בעולמו ברא כנגדו ברא הרים ברא גבעות ברא ימים ברא נהרות א"ל ר"ע רבך לא כך אמר אלא ברא צדיקים ברא רשעים ברא גן עדן ברא גיהנם כל אחד ואחד יש לו שני חלקים אחד בגן עדן ואחד בגיהנם זכה צדיק נטל חלקו וחלק חברו בגן עדן נתחייב רשע נטל חלקו וחלק חברו בגיהנם אמר רב משרשיא מאי קראה גבי צדיקים כתיב (ישעיה סא) לכן בארצם משנה יירשו גבי רשעים כתיב (ירמיה יז) ומשנה שברון שברם:

(בירושלמי מפרש מילי טובא למה נקרא שמו אחר לגמרא סבכיא סירושלמי: פיגלא. לנון: מעישרא. פרונס:)

ז שאל אחר את ר' מאיר לאחר שיצא לתרבות רעה מ"ד (איוב כח) לא יערכנה זהב וזכוכית ותמורתה כלי פז א"ל אלו דברי תורה שקשים לקנותן ככלי זהב וכלי פז ונוחין לאבדן ככלי זכוכית אמר לו (האלהים אפילו ככלי חרס אבל) ר' עקיבא רבך לא כן אמר אלא מה כלי זהב וכלי זכוכית הללו אף על פי שנשתברו יש להם תקנה כך ת"ח שסרח יש לו תקנה א"ל אף אתה חזור בך א"ל והרי כבר שמעתי מאחורי הפרגוד שובו בנים שובבים חוץ מאחר. תנו רבנן מעשה

---

װעל איך זיין הנאה האבען פון דער װעלט. איז אחר ארויס געגאנגען צו שלעכטס: האט ער געטראפען א זונה און האט געװאלט מיט איר מזנה זיין. האט די זונה צו איהם געזאגט דו ביסט ניט אלישע בן אבויה. האט ער אויס געריסען א רעטאך פון א גארטען אום שבת און האט איר געגעבען. האט די זונה געזאגט אחר הוא. ער איז איין אנדערער. ניט אלישע בן אבויה. דריבער האט מען איהם גערופען אחר. אחר דער נאך וויא ער איז געווארען א רשע האט ער געפרעגט ביי רבי מאיר וואס מיינט דער פסוק איינס געגען דאס אנדערע האט גאט געמאכט. האט רבי מאיר איהם געענטפערט אלץ וואס גאט האט בשאפען אין דער װעלט. האט ער בשאפען אויך דער געגען. ער האט בשאפען בערג. און ער האט בשאפען קליינע בערג. ער האט בשאפען ימים. און ער האט בשאפען טייכען קלענער ווי ימים. האט אחר געזאגט צו רבי מאיר דיין רבי רבי עקיבא האט ניט אזוי געזאגט. נאר גאט האט בשאפען צדיקים און האט בשאפען רשעים. ער האט בשאפען דעם גן עדן און האט בשאפען דעם גיהנם. יעדער מענטש האט צוויי חלקים. איין חלק אין גן עדן און איין חלק אין גיהנם. דער צדיק וואס איז זוכה נעמט ער זיין חלק און דעם חלק פון דעם צדיק אין גן עדן. דער רשע וואס איז פאר שולדיגט נעמט ער זיין חלק און דעם חלק פון רשע אין גיהנם: רב משרשיא זאגט פון װעלכען פסוק וויסען מיר דאס. ביי צדיקים שטייט דריבער װעלין זיי הארבען אין זייער לאנד ואין גן עדן טאפיל. און ביי רשעים שטייט זייער בראך װעט זיין א טאפעלער בראך:

ז שאל. אחר דער נאך ווי ער איז געווארען א רשע האט ער געפרעגט ביי רבי מאיר וואס מיינט דער פסוק מען קען דאס ניט אפ שאצין מיט גאלד און גלאז און מען װעט דם ניט טאהשין אויף כלים פון גין גאלד. האט רבי מאיר געזאגט דאס מיינט מען די תורה. עס איז שווער צו קויפען דיא תורה ומען זאל קענען לערנען דיא תורה אזוי וויא עס איז שווער צו קויפען גאלדענע און גיגאלדענע כלים. און עס איז גרינג די תורה צו פארלירען וצו פאר געסין וואס מען האט געלערנט אזוי וויא עס איז גרינג צום צוא ברעכין אגלעזערנע כלי. האט אחר געזאגט צו רבי מאיר דיין רבי רבי עקיבא האט ניט אזוי געזאגט. נאר אזוי ווי א גאלדענע כלי און אגלעזערנע כלי אפילו זיי זענען צו בראכין געווארין קען מען זיי צו שמעלצין און מאכין פון זייא נייע. אזוי א תלמיד חכם אפילו ער האט געזינדיגט. פון דעסטוועגין קען ער פאריכטן ווערין מיט תשובה. האט רבי מאיר געזאגט צו אחר טוה דו אויך תשובה. האט אחר געזאגט איך האב שוין לאנג געהערט א קול פון הימעל טוהט תשובה איר ווילדע קינדער ואון אייער תשובה וועט אן גינומען ווערין נאר אחר נישט. זיין תשובה וועט ניט אן גינומען ווערין. דיא רבנן האבען גילערנט

מעשה באחר שהיה רוכב על הסוס בשבת והיה ר"מ מהלך אחריו ללמוד תורה מפיו כיון שהגיע לתחום שבת אמר לו מאיר חזור בך שכבר שערתי בעקבי הסוס עד כאן תחום שבת א"ל ואף אתה חזור בך א"ל והלא שמעתי מאחורי הפרגוד שובו בנים שובבים חוץ מאחר תקפיה ועייליה בי מדרשא א"ל לינוקא פסוק לי פסוקיך אמר ליה (ישעיה מח) אין שלום אמר ה' לרשעים עייליה לבי כנשתא אחריתי א"ל לינוקא בני פסוק לי פסוקיך א"ל (ירמיה ב) כי אם תכבסי בנתר ותרבי לך בורית נכתם עונך לפני עייליה לבי כנשתא אחריתי א"ל (ע"ב) לינוקא פסוק לי פסוקיך א"ל (שם ד) ואת שדוד מה תעשי כי תלבשי שני וכי תעדי עדי זהב כי תקרעי בפוך עיניך לשוא התיפי תקפיה ועייליה בתליסר בי מדרשא פסקו ליה כי האי גוונא לבישותא. ינוקא דסוף תליסר א"ל (תהלים נ) ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חקי ההוא ינוקא הוה מגמגם בלישניה אישתמע כמאן דקאמר ולאלישע אמר אלהים שקל סכינא וקרעיה ושדריה לתליסר בי מדרשא א"ד אמר אי הוה סכינא בהדאי קרעתיה. כי נח נפשיה דאחר אמרי לא מידן לידייניה ולא לעלמא דאתי ליתי לא מידן לידייניה משום דעסק בתורת ולא לעלמא דאתי ליתי משום דחטא. אמר ר' מאיר מוטב דלידייניה וליתי לעלמא דאתי מתי אמות ואעלה עשן מקברו כי נח נפשיה

דר'

ספוס לתנדב. ע"י בכתב : כי שכיב אחר אמרו. נבקיע לא מידן לידייניה (כלו) :

---

גילערנט אחר האט אמאהל געריטען אויף א פערד אום שבת. אונ רבי מאיר איז נאכגאנגען אינטער אחר צו לערנען תורה פון איהם. ווי אחר איז געקומען צו א תחום שבת. האט אחר געזאגט צו רבי מאיר. גיי צוריק איך האב בערעכנט מיט די טריט פון מיין פערד אז ביז אהער איז א תחום שבת. האט רבי מאיר געזאגט צו אחר גיי דו אויך צוריק. האט אחר געזאגט איך האב שוין לאנג געהערט פון הימעל טוהט תשובה איר ווילדע קינדער: אויסער אחר ניט. האט רבי מאיר אן גענומען אחר אונ האט איהם געבראכט אין בית המדרש. האט אחר געזאגט צו א קינד זאג מיר דיין פסוק. האט דאס קינד געזאגט. גאט האט געזאגט צו דיא רשעים וועט ניט זיין קיין שלום. האט רבי מאיר געבריינגט אחר אין איין אנדער שוהל. האט אחר געזאגט צו א קינד מיין זוהן זאג מיר דיין פסוק. האט דאס קינד געזאגט אפילו דוא וועסט וואשען מיט זייף. אונ דוא וועסט מערין פיל זייף. פון דעסטוועגען איז דיינע זינד פאר פלעקט פאר מיר. האט רבי מאיר געבריינגט אחר אין א דריטע שוהל. האט אחר געזאגט צו א קינד זאג מיר דיין פסוק. האט דאס קינד געזאגט דוא צו רויבטע וואס וועסטו טאהן אפילו דוא וועסט דיך אן קליידען מיט רויטע קליידער אונ דוא וועסט דיך צירען מיט גאלדענע צירונג אונ דוא וועסט פארבען דיינע אויגען מיט פארב אומזיסט וועסטו דיך שיין מאכען. האט רבי מאיר אן גענומען אחר אונ האט איהם אריין געבריינגט אין דרייצעהן בתי מדרשים. אונ אין יעדער בית המדרש האבען איהם די קינדער געזאגט שלעכטע פסוקים. דם קינד פון דרייצענטען בית המדרש האט געזאגט צו אחר דעם פסוק ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חקי. דאס קינד האט ניט געקענט שארף רייAs. ער האט געשטאמולט מיט די צונג. האט אחר געמיינט ער זאגט ולאלישע אמר אלהים וצו אלישע האט גאט געזאגט וואס האסטו צו שמועסין פון מיין תורה. האט אחר גענומען א מעסער אונ האט צו שניטען דאס קינד אונ האט איהם געשיקט אין די דרייצעהן בתי מדרשים. אנדערע זאגען אחר האט ניט צו שניטען דם קינד. נאר ער האט געזאגט ווען איך וואלט געהאט ביי מיר א מעסער וואלט איך איהם צו שניטען. אז אחר איז געשטארבען האט מען געזאגט אין הימעל מען וועט איהם ניט משפטין. אונ מען וועט איהם ניט געבין עולם הבא. מען וועט איהם ניט משפטין ווייל ער האט געלערנט תורה. אונ מען וועט איהם ניט געבין עולם הבא ווייל ער האט געזינדיגט. הט רבי מאיר געזאגט עס וואלט בעסער געוועז מען זאל איהם משפטין פאר זיינע עבירות. דער נאך זאל מען איהם געבין עולם הבא פאר זיין תורה. ווען איך וועל שטארבען וועל איך אויף בריינגען

אריוך

דר' מאיר סליק קוטרא מקבריה דאחר א"ר יוחנן גבורתא למיקלייה רביה בנורא חד הוה בינגא ולא מצי לאצוליה אי נקיטנא ליה בידי מאן מירמי ליה מינאי מתי אמות ואכבה עשן מקברו כי נח נפשיה דרבי יוחנן פסק קוטרא מקבריה דאחר פתח עליה ההוא ספרנא אפילו שומר הפתח לא עמד לפניך רבינו. בתו של אחר אתיא לקמיה דרבי אמרה ליה רבי פרנסני אמר לה בתו של מי את אמרה בתו של אחר אני אמר עדיין יש מזרעו בעולם והכתיב (איוב יח) לא נין לו ולא נכד בעמיו אמרה לו רבי זכור תורתו ואל תזכור למעשיו ירדה אש מן השמים וסכסכה ספסלו של רבי בכה רבי ואמר למתגנין בתורה כך למשתבחין בה עאכ"ו. ורבי מאיר היכי גמר תורה מפומיה דאחר והא אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן מ"ד (מלאכי ב) כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ה' צבאות הוא אם דומה הרב למלאך ה' צבאות יבקשו תורה מפיהו ואם לאו אל יבקשו תורה מפיהו אמר ר"ל ר' מאיר קרא אשכח ודרש (משלי כב) הט אזנך ושמע דברי חכמים ולבך תשית לדעתי לדעתם לא נאמר אלא לדעתי

חד הוה בינגא. תלמיד אחד היה בימינו שנכנס ויצא להרבות רעה ואין (אנו) [כח] בין כלנו (גדולים) להצילו ולהביאו לחיי עולם הבא: אי נקיטנא כו'. אם אוחז אני בידו להביאו לעולם הבא מי יקחנו מידי: מירמי. לשון נוטל מידי: שומר הפתח. של גיהנם לא עמד לפניך כשהלכת להוציא אחר משם: לדעתם לא נאמר. אלמא

---

ארויך פון זיין קבר. איך וועל בעטין מען זאל איהם משפטין. אז רבי מאיר איז געשטארבען איז אויף גיגאנגען ארויך פון אחרס קבר. ווייל מען האט איהם געמשפט. האט רבי יוחנן גזאגט דאס איז אגרויסע זאך צו פאר ברענגען דעם רבי אין פייער. איינער איז גיווען צווישען אונז וואס איז ניט פרום גיוועזן. קענען מיר איהם ניט מציל זיין פון גיהנם. אונ ברייננגען איהם צו עולם הבא. אז איך וועל איהם נעמען מיט מיין האנט אונ וועל איהם פירען אין גן עדן ווער וועט איהם אוועק נעמען פון מיר. ווען איך וועל שטארבען וועל איך פאר לעשין דעם רויך פון זיין קבר. אז רבי יוחנן איז געשטארבען האט אויפגיהערט דער רויך פון אחרס קבר. האט אספדן אנגיהויבען צו זאגען אהספד אויף רבי יוחנן. אפילו דער וואס היט דיא טיר פון גיהנם האט זיך ניט גישטעלט געגין אונזער רבי רבי יוחנן ווען ער איז גיקומען ארויס נעמען אחר פון גיהנם. די טאכטער פון אחר איז אמאהל גיקומען פאר רבי. האט זיא גזאגט רבי גיב מיר פרנסה. האט רבי צו איר גזאגט וועמעס טאכטער ביסטו. האט זיא גזאגט איך בין די טאכטער פון אחר. האט רבי גזאגט אחרס קינדער זענען דא אויף דער וועלט. עס שטייט דאך אין פסוק עס וועט ניט זיין אזוהן אונ ניט אאייניקעל אין זיין פאלק. האט זיא גזאגט צו רבי גידיינק זיין תורה אונ גידיינק ניט וואס ער האט גיטאהן. איז אראפ גיקומען אפייער פון הימעל אונ האט פאר ברענט די שטוהל פון רבי. הט רבי גיוויינט פאראך דער למדן וואס שעמט זיך מיט די תורה. פון דעסטוועגין איז ער גרויס אין הימעל. ווייל ער האט די תורה גילערנט. די לומדים וואס ברימען זיך מיט דער תורה זענען געווים גרויס אין הימעל. פרעגט די גמרא ווי אזוי האט רבי מאיר גימעגט לערנען תורה פון אחר. רבה בר בר חנה האט דאך גזאגט פון רבי יוחנן וועגין עס שטייט אין פסוק די לעפצין פון כהן היטען די וויסענשאפט אונ תורה זאל מען לערנען פון זיין מויל ווארום ער איז אמלאך פון גאט. אויב דער רבי איז גלייך צו אמלאך פון גאט זאל מען לערנען תורה פון איהם. אונ אויב ניט זאל מען ניט לערנען תורה פון איהם. האט ריש לקיש גזאגט רבי מאיר האט גיפונען אפסוק אונ הט איהם גידרשת אז ער מעג לערנען תורה פון אחר. עס שטייט אין פסוק נייג דיין אויער אונ הער די רייד פון די חכמים אונ דיין הארץ זאלסטו טאהן צוא מיין וויסענשאפט. עס שטייט ניט צו זייער וויסענשאפט. נאר עס שטייט צו מיין וויסענשאפט. אז דער פסוק וואלט שמועסין פון אזעלכע חכמים וואס זענען צדיקים. וואלט גישטאנען אין פסוק דיא זאלסט טאהן דיין הארץ צו זייער וויסענשאפט. אז עס שטייט אבער דוא זאלסט טאהן דיין הארץ צו מיין וויסענשאפט. געוויס שמועסט דער פסוק פון רשעים. פון דעסטוועגין זאגט דער פסוק

לרעתי ר' (יוסי בר) חנינא אמר מהכא (תהלים מה) שמעי בת וראי והטי אזנך ושכחי עמך ובית אביך גו' קשו קראי אהדדי לא קשיא הא בגדול והא בקטן . כי אתא רב דימי אמר אמרי במערבא רבי מאיר (אשכח תמרא) אכל היחלא ושדא שיחלא לברא אשכחיה רבה בר (רב) שילא לאליהו אמר ליה מאי קעביד קודשא בריך הוא אמר ליה קאמר שמעתא מפומיהו דכלהו רבנן ומפומית דרבי מאיר לא קאמר אמר ליה אבאי דקא גמר שמעתא מפומיה דאחר . אמר ומאי נפקא מינה רבי מאיר רמון מצא תוכו אכל קליפתו זרק אמר ליה השתא קאמר מאיר בני בך הוא אומר בזמן שאדם מצטער שכינה מה לשון אומרת קלני מראשי קלני מזרועי אם הקב"ה מצטער על דמן של רשעים שנשפך ק"ו על דמן של צדיקים שנשפך :

ח אשכחיה שמואל לרב יהודה דתלי וקאי אעיברא דדשא וקא בכי אמר ליה שיננא אמאי קא בכית אמר ליה מי זוטר מאי דכתיב בהו ברבנן (ישעיה לג) איה

פירוש

גדייעי עסקינן וקאמר הט אזנך ושמע אלה מעשיהם שכח ואל תלמוד אותם : גדול . כיודע ליזהר שלא ילמוד ממעשיו יכול ללמוד תורה מפיו: שיחלא . פי' כהילון הנאכל בתמרה : שיחלא . גרעינתה הגוזקה : והשתא קאמר ומו' . עכשיו שמע לקולך באומר שמועה מפיו : קלני נגלאי . רבי מאיר אמרה בסנהדרין במתני' כי קללת אלהים קל לית אני קל ולישנא מעליא כינה כלפי שכינה : קלני מזרועי . כובדני מזרועי שילדתי בו את זה שמת בעונו :

והאי כעיגלא דדשא . נשען על הבריח : בכי .

---

דוא זאלסט הערין זייערע רייד . פון זייא תורה מעגסטו לערנען : נאר זאלסט ניט זיין ארשע . רבי חנינא זאגט פון דעם פסוק הער צו טאכטער אונ זעה נייג דיין אויער אונ פאר געס דיין פאלק אונ דיין פאטערס הויז . דוד המלך שמועסט צו די יודען אונ ער רופט זיי טאכטער . אונ ער זאגט צו זיי איר זאלט הערין די רייד פון דער תורה . דוא זאלסט נוט גייגן דיין אויער צוא הערין תורה . נאר די שלעכטע מעשים וואס דיין פאלק טוהען דאס זאלסטו פאר געסין . פרעגט די גמרא איז דאך אקשיא פון איין פסוק אויף דעם אנדערין . אין איין פסוק שטייט אז פון ארשע טאר מעו ניט לערנען תורה . אונ אין איין פסוק שטייט אז פון ארשע מעג מען לערנען תורה . ענטפערט דיא גמרא אגרויסער מענטש מעג לערנען תורה אפילו פון ארשע . אבער אקינד טאר ניט לערנען תורה פון ארשע . נאר פון אצדיק . אז רב דימי איז גיקומען פון ארץ ישראל האט ער גזאגט . אין ארץ ישראל זאגט מען רבי מאיר האט גיגעסין אטייטל . אונ דעם קערינדל פון איגוויינינג האט ער אוועק גיווארפען . דאס מיינט מען די אויסווייניגסטע תורה פון אחר האט רבי מאיר גילערונט . אונ דיא איגווייניגסטע גידאנקען פון אחר האט ער אוועק גיווארפען . רבה בר שילא האט בגעגינט אליהו הנביא . האט ער גזאגט צו איהם וואס טוהט גאט . האט אליהו גזאגט גאט זאגט די תורה וואס אלע רבנן האבען גילערונט . אונ די תורה וואס רבי מאיר האט גילערונט זאגט גאט ניט . האט רבה גזאגט פאר וואס . האט אליהו גזאגט ווייל ער האט גילערונט תורה פון אחר . האט רבה גזאגט וואס איז אז ער האט גילערונט תורה פון אחר . רבי מאיר האט גיפונען אמילגרוים וואס איגווייניג איז האט ער גיגעסען אונ די שאלאכין האט ער אוועק גיווארפען . די גוטע האט רבי מאיר פון איהם גילערונט . אונ זיינע שלעכטס האט ער אוועק גיווארפען . האט אליהו גזאגט איצט זאגט גאט מיין זוהן מאיר זאגט אזוי . ווען דער מענטש האט צער וואס זאגט גאט . מיין קאפ איז מיר ניט גרינג . מיין ארעם איז מיר ניט גרינג . אז גאט האט אזוי פיל צער אז עס ווערט פר גאסען דיא בלוט פון רשעים . ויא גרוים איז שוין דער צער אז עס ווערט פאר גאסען דיא בלוט פון צדיקים :

ח אשכחיה . שמואל האט אמאהל גיטראפען רב יהודה שטייט אן גילעהנט אויף דעם רינגל פון די טיר אונ וויינט . האט שמואל גזאגט צו רב יהודה דו למדן וואס וויינסטו . האט רב יהודה גזאגט איז דען ווייניג וואס עס שטייט ביי די רבנן וואס זענען גיווארען רשעים . איה סופר איה שוקל איה סופר את המגדלים . איה סופר . ווא איז דער ציילער וואס פלעגט ציילען אלע

איה סופר איה שוקל איה סופר את המגדליב איה סופר שהיו סופרים כל אותיות שבתורה איה שוקל שהיו שוקלים כל קלים וחמורים שבתורה איה סופר את המגדלים שהיו שונים שלש מאות הלכות במגדל הפורח באויר ואמר רבי אמי שלש מאות בעיי בעו דואג ואחיתופל במגדל הפורח באויר ותנן שלשה מלכים וארבעה הדיוטות אין להם חלק לעוה"ב אני מה תהוי עלן אמר ליה שיננא טינא היתה בלבם . אחר מאי זמר יווני לא פסק מפומיה אמרו עליו על אחר שבשעה שהיה עומד מבית המדרש הרבה ספרי מינין נושרין לו מחיקו . שאל נימוס הגרדי את רבי מאיר כל עמר דנחית ליורה סליק אמר ליה כל מאן דהוה נקי אגב אמיה סליק כל דלא הוה נקי אגב אמיה לא סליק .

רבי עקיבא עלה בשלום וירד בשלום ועליו הכתוב אומר

התלמידים היוצאים לתרבות רעה : שוקלין . לדרוש קל מחמור וחמור מקל נמי המשקילות של קין : במגדל הפורח באויר . י"מ מגבהו של מ"ד דורשין בו את כל זאת וי"א מגדל דוד הפורח ולי נראה במגדל הפורח לאויר גרסינן וזהו מהלכות אהלות וכו' : ד' הדיוטות . בלעם ודואג ואחיתופל וגיחזי בחלק : טינא היתה בלבם . רשעים היו מימיהם : אחר מאי . מפני מה בא לידי כך ולא הגין עליו תורתו : זמר יווני לא פסק מפומיה . והיה לו להניח בשביל חרבן הבית דכתיב בשיר לא ישתו יין : נושרין לו מחיקו . קודם שהפקיד עצמו לתרבות רעה אלמא טינא היתה בלבו : כל עמר דנחית ליורה סליק . כל צמר הניתן ליורה של סמנים לצבוע עולה לו צבעו או לא כלומר כל הלומד תורה מפי חכמים עולה להם תורתם להגין עליהם מן החטא או לא : אגב אמיה . צמר בן יומו שלא נתלכלך כשהוא נגיזה עולה לו הצבע כלומר כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו עולה לו כך גרסינן

משכני

---

אלע אותיות פון דער תורה . איה שוקל . וואו איז דער וואס האט געוואוסט די גרינגע מצות אונ די שווערע מצות פון די תורה אפ צו לערנען איינס פון דאס אנדערע . איה סופר את המגדלים . וואו איז דער וואס האט געציילט די טארעמס . דאס מיינט מען דעם אויבערשטען פאסעק פון למ"דן . זייא האבען געלערנט דריי הונדערט דינים אין דעם טארעם וואס פליהט אין דער לופטען . דאס מיינט מען דעם אויבערשטען פאסעק פון למ"דן . רבי אמי האט געזאגט דריי הונדערט שאלות האבען דואג אונ אחיתופל געפרעגט ביי דעם טארעם וואס פליהט אין דער לופטען דאס מיינט מען דעם אויבערשטען פאסעק פון למ"ד . אונ מיר האבען געלערנט דריי מלכים אונ פיר פראסטע מענטשען צווייא פון זייא זענען דואג אונ אחיתופל האבען ניט קיין חלק עולם הבא . האט דאך די תורה ניט בשיצט אויף זיי . זיי זאלען ניט ווערין רשעים . וואס וועט זיין מיט אונז אז מיר קענען ניט אזוי גוט לערנען ווי זייא האבען געקענט וועט דאך די תורה אויף אונז געוויס ניט בשיצען . דארפען מיר דאך מורא האבען טאמער וועלען מיר אויך ווערין רשעים . הט שמואל געזאגט צו רב יהודה דו למדן אפילו ווען זיי האבען געלערנט תורה זענען זיי אויך געוועזען רשעים . דריבער האט דיא תורה ניט בשיצט אויף זיי . אבער מיר וואס מיר לערנען תורה מיט פרומקייט . וועט אונזער תורה אויף אונז בשיצען מיר זאלען ניט ווערין קיין רשעים . פרעגט די גמרא פאר וואס הט די תורה ניט בשיצט אויף אחר ער זאל ניט ווערין ארשע . זאגט די גמרא ווייל פון זיין מויל האט קיין מאהל ניט אויפגיהערט די גריכישע לידער . ער האט אייביג געזונגען גריכישע לידער . אונ אז דער בית המקדש איז חרוב געווארען טאר מען ניט זינגען . מען זאגט אויף אחר איידער ער איז געווארען א רשע ווען ער פלעגט אויף שטיין אין בית המדרש פון לערנען . פלעגען פיל אפיקורסישע ביכלאך ארויס פאלען פון זיין שויס : נימוס הגרדי האט געפרעגט ביי רבי מאיר אלע וואל וואס מען לייגט אריין אין קעסיל פארב ; ווערט געפארבט . אדער ניין . ודאס מיינט מען אלע תלמידים וואס לערנען תורה בשיצט זיי די תורה פון אעבירה . אדער ניט אלעז . האט רבי מאיר געזאגט דיא וואל וואס איז ריין אראפ געשוירען געווארען פון די מוטער ופון שעפסו . נעמט אן דיא פארב . אונ זי ווערט גוט געפארבט ; אונ די וואל וואס איז ניט ריין אראפ געשוירען געווארען פון דיא מוטער ופון שעפסו . נעמט ניט אן די פארב . ודי תלמידים וואס קומען לערנען מיט אריינע הארץ . מיט אמתה פרומקייט . בשיצט זיי די תורה זיי זאלען ניט זינדיגען . אבער די תלמידים וואס זייער הארץ איז ניט פרום . די קענען ווערין רשעים אונ דיא תורה בשיצט זייא ניט . פריער איז געשטאנען אז רבי עקיבא איז ארויף געגאנגען אויף דעם הימעל מיט שלום אונ איז

אראפ

(ש"ה ה) משכני אחריך נרוצה. ואף רבי עקיבא בקשו מלאכי השרת לדחפו אמר להם הקב"ה (בני) הניחו לו לזקן זה שראוי להשתמש בכבודי (דף טז) מאי דרש אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן (דברים לג) ואתה מרבבות קודש אות הוא ברבבה שלו רבי אבהו אמר (ש"ה ס) דגול מרבבה דוגמא הוא ברבבה שלו וריש לקיש אמר מהכא (ישעיה מח) ה' צבאות שמו (אות) [אדון] הוא בצבא שלו ורבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן מהכא (מ"א יט) לא ברוח ה' ואחר הרוח רעש לא ברעש ה' ואחר הרעש אש לא באש ה' ואחר האש קול דממה דקה:

בקשו. ובמדרש מפרשים כל שעה דנחים ליורם סליק כל טורד לגיסנס לידון אבל אמים עמד בן יוסף שלא נתלכלך בטיט עולם לו סלכע כלומר שיש לו זכיות עולם: מאי דריש. מסיקן הכין תקום שסכימה בסהר ולא כלין שם. אי נמי שלא טעם כמו שטעם אחר: דוגמא. לשון היכר דבר

ת"ר תנו רבנן ששה דברים נאמרו בשדים שלשה כמלאכי השרת ושלשה כבני אדם. שלשה כמלאכי השרת שיש להם כנפים כמותן ושטין מסוף העולם ועד סופו כמלאכי השרת ויודעין העתיד להיות כמלאכי השרת יודעין ס"ד אלא שומעים מאחורי הפרגוד כמלאכי השרת. שלשה כבני אדם אוכלין ושותין כבני אדם ופרים ורבים כבני אדם ומתים כבני אדם. וששה דברים נאמרו בבני אדם שלשה כמלאכי השרת ושלשה כבהמה שלשה כמלאכי השרת יש בהם דעת כמה"ש והולכין בקומה זקופה כמלאכי השרת ומספרים בלשון קודש

---

אַראָפּ גיקומען מיט שָׁלוֹם. אויף איהם זָאגט דער פָּסוּק מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָרוּצָה. בִּיז וואָנען גָאט האָט מִיךְ גִיצויגען. וּבִּי דעם אָרט וואָס אִיךְ האָב גימֶעגט גֵיין. בִּין אִיךְ גילאָפֶען. ואוּנ וואָ אִיךְ האָב נִיט גִיטאָרט גֵיין. בִּין אִיךְ נִיט גִיגאַנגען. אוּנ וואָס אִיךְ האָב נִיט גֶעמֶעגט טְרַאכְטֶען. האָב אִיךְ נִיט גִיטְרַאכְטֶען. דְרִיבֶּער אִיז עֶר אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען בְּשָׁלוֹם. אוּנ אֲפִילוּ רַבִּי עֲקִיבָא הָאבֶּען אוֹיךְ דִי מַלְאָכִים גִיוואָלְט אַרָאפּ שְׁטוֹיסֶען פוּן הִימֶעל. האָט גָאט צוּ זֵיי גִזאָגט לאָזְט דעם אַלְטֶען עֶר אִיז ווערְט מִיךְ צוּ בֶּדִינֶען. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא פוּן וואַנֶען הָט רַבִּי עֲקִיבָא גֶעוואוּסט וואוּ דִי שְׁכִינָה אִיז עֶר זָאל דָארְט נִיט קוּקֶען. האָט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה גִזאָגט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן ווֶעגֶן עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְאָתָה מֵרִבְבוֹת קוֹדֶשׁ. גָאט אִיז אוֹיס גִיצֵייכֶענְט פוּן זַיינֶע צֶעהֶנְדְלִיג טוֹיזֶענְדֶער מַלְאָכִים. רַבִּי אַבָּהוּ זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָגוּל מֵרְבָבָה. גָאט אִיז צוּ דֶער קֶענֶען צְווִישֶׁען זַיינֶע צֶעהֶנְדְלִיג טוֹיזֶענְדֶער מַלְאָכִים. רֵישׁ לָקִישׁ זָאגְט פוּן דֶעם פָּסוּק יְיָ צְבָאוֹת שְׁמוֹ. גָאט אִיז דֶער הֶערר פוּן אַלֶע הֶערְשַׁאפְט. צְבָאוֹת אִיז צְווֵייא ווֶערְטֶער צְבָא אוֹת. גָאט אִיז בֶּעצֵייכֶענְט צְווִישֶׁען זַיינֶע הֶערְשַׁאפְט. רַבִּי חִיָּא בַּר אַבָּא זָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן ווֶעגֶן פוּן דֶעם פָּסוּק נִיט מִיט דֶעם ווִינְט ווֶעט גָאט קוּמֶען. נָאךְ דֶעם ווִינְט ווֶעט זַיין אַשְׁטוּרֶעם. נִיט מִיט דֶעם שְׁטוּרֶעם ווֶעט גָאט קוּמֶען. נָאךְ דֶעם שְׁטוּרֶעם ווֶעט זַיין אַפַייֶער. נִיט מִיט דֶעם פַייֶער ווֶעט גָאט קוּמֶען. נָאךְ דֶעם פַייֶער ווֶעט זַיין אַדִינֶער קוֹל אַשְׁטִילֶער. דָארְט אִיז גָאט. וואוּ עֶס אִיז גִיווֶען גַאנְץ שְׁטִיל האָט רַבִּי עֲקִיבָא גֶעוואוּסט דָארְט אִיז גָאט:

ת"ר תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן האָבֶּען גִילֶערְנְט זֶעקְס זאַכֶען אִיז גִזאָגְט גִיוואָרֶען בַּיי דִי שֵׁדִים. מִיט דְרַיי זַאכֶען ווֶענֶען זֵיי גְלַייךְ צוּ מַלְאָכִים. אוּנ מִיט דְרַיי זַאכֶען ווֶענֶען זֵיי גְלַייךְ צוּא מֶענְטְשֶׁן. מִיט דְרַיי זַאכֶען ווֶענֶען זֵיי גְלַייךְ צוּ מַלְאָכִים. זֵיי האָבֶּען פְלִיגֶעל ווִי מַלְאָכִים. זֵיי פְלִיהֶען פוּן אֵיין עֶק ווֶעלְט בִּיז צוּם אַנְדֶערִין עֶק ווֶעלְט ווִי מַלְאָכִים. אוּנ זֵייא ווֵייסֶען וואָס עֶס ווֶעט זַיין אַזוֹי ווִי מַלְאָכִים. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא מַלְאָכִים ווֵייסֶען דָאךְ אוֹיךְ נִיט וואָס עֶס ווֶעט זַיין. נָאר אַזוֹי מֵיינְט מֶען דִי שֵׁדִים הֶערִין פוּן הִימֶעל וואָס עֶס ווֶעט זַיין אַזוֹי ווִיא מַלְאָכִים. מִיט דְרַיי זַאכֶען ווֶענֶען דִי שֵׁדִים גְלַייךְ צוּ מֶענְטְשֶׁן. זֵיי עֶסֶן אוּנ טְרִינְקֶען אַזוֹי ווִי מֶענְטְשֶׁן. זֵיי האָבֶּען קִינְדֶער אַזוֹי ווִי מֶענְטְשֶׁן. אוּנ זֵיי שְׁטַארְבֶּען אַזוֹי ווִיא מֶענְטְשֶׁן. זֶעקְס זַאכֶען אִיז גִזאָגְט גִיוואָרֶען בַּיי מֶענְטְשֶׁן. מִיט דְרַיי זַאכֶען ווֶענֶען זֵיי גְלַייךְ צוּ מַלְאָכִים. אוּנ מִיט דְרַיי זַאכֶען ווֶענֶען זֵיי גְלַייךְ צוּ בְּהֵמוֹת. מִיט דְרַייא זַאכֶען ווֶענֶען זֵייא גְלַייךְ צוּא

מלאכים

קודש כמלאכי השרת . שלשה כבהמה אוכלין ושותי' ופרין ורבין ומוציאין רעי כבהמה :

סיומיד לדוגמא לסרחוא כלומר כמו מצא לי ולא זה אלא דבר כניכר אף כאן מקומו ניכר : ומה למטה . והכי אמרו מפתח אוצרות שלו ואם אולי מי סובלן לא חס על כבוד קונו . לייטי עלה

י פיסקא כל המסתכל בארבעה דברים וכו' . בשלמא מה למעלה מה למטה ומה לאחור לחיי אלא מה לפנים מה דהוה הוה רבי יוחנן ורבי אלעזר דאמרי תרוייהו למה הדבר דומה למלך בשר ודם שאמר לעבדיו לכו ובנו לי פלטרין גדולים על אשפה הלכו ובנו לו ואין רצונו של מלך שיזכירו לו שם אשפה :

יא [פיסקא] כל שלא חס על כבוד קונו וכו' . מאי היא רבי אבא אמר זה המסתכל בקשת דכתיב (יחזקאל א) כמראה הקשת אשר יהיה בענן וגו' . רב יוסף אמר זה העובר עבירה בסתר (הקב"ה מגלה עליו בגלוי רבא אמר כל המסתכל בקשת צריך שיפול על פניו דכתיב כמראה הקשת אשר יהיה בענן ביום הגשם כן מראה הנוגה סביב הוא מראה דמות כבוד ה' ואראה ואפול על פני ואשמע קול מדבר לייטי עלה במערבא משום דמיחזי כמינות אלא לימא ברוך זוכר הברית. הרואה את הקשת צריך לברך מאי מברך ברוך זוכר הברית רבי ישמעאל בנו של ר' יוחנן אומר ברוך זוכר הברית ונאמן בבריתו וקיים במאמרו

---

מלאכים . זיי זענען חכמים אזוי וויא מלאכים . זיי גייען מיט דעם קאפ ארויף וויא מלאכים . אונ זיי רעדען לשון קודש אזוי ווי מלאכים . אונ מיט דריי זאכען זענען זיי גליך צו בהמות . זיי עסין אונ טרינקען ווי א בהמה . זיי האבען קינדער ווי א בהמה . אונ עס גייט פון זייא ארויס צואה אזוי וויא פון א בהמה :

י פיסקא . אין דער משנה שטייט דער וואס קלערט די פיר זאכען וואלט בעסער געוועזען ער וואלט גאר ניט בשאפען געווארען . זאגט די גמרא וואס איבער דעם הימעל . אונ וואס אונטער דעם הימעל אונ וואס אונטער די ערד . אונ וואס עס וועט זיין אז די וועלט וועט ווערט זיין . איז רעכט וואס מען טאר ניט קלערין . נאר וואס עס איז געוועזען פאר וואס טאר מען ניט קלערין . וואס עס איז געוועזען איז געוועזען . ענטפערט דיא גמרא רבי יוחנן אונ רבי אלעזר זאגען ביידע א משל א מלך האט געזאגט צו זיינע קנעכט גייט באהט פון מיינעט וועגין גרויסע פאלאצין אויף א ארט וואס דארט ליגט מיסט . זענען די קנעכט געגאנגען אונ האבען געבאהט וויל ניט דער מלך מען זאל דער מאנען אז אויף דעם ארט פון פאלאץ איז אמאהל געלעגען מיסט . אזוי וויל ניט גאט מען זאל דער מאנען אז אויף דעם ארט פון דיא וועלט איז אמאהל געוועזען וויסט :

יא פיסקא . אונ דער וואס שוינט ניט דעם כבוד פון גאט . וואס מיינט מען . רבי אבא זאגט דער וואס קוקט שטארק אין רעגינבויגען . ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי די עס זעהט אוים דער קאלאר פון רעגינבויגען וואס איז אין וואלקין . אזוי זעהט אוים דער כבוד פון גאט . רב יוסף זאגט דאס מיינט מען אז איינער טוהט א עבירה אין דער שטיל . זעהט אוים אז עס איז דא א ארט וואס גאט זעהט ניט . אבער גאט וועט מאכען אז אלע וועלען וויסען פון זיינע עבירות . רבא זאגט דער וואס זעהט א רעגין בויגין דארף ער פאלען אויף זיין פנים . ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי וויא עס זעהט אוים דער רעגין בויגין וואס איז אין וואלקין אין א רעגינדיגען טאג . אזוי איז געוועזען די שיינונג ארום . אזוי זעהט אוים דער כבוד פון גאט . ווי איך האב דאס געזעהן בין איך געפאלען אויף מיין פנים . אונ איך האב געהערט א שטימע רעט . זאגט די גמרא אין ארץ ישראל האט מען געשאלטען דעם מענטש וואס פאלט אויף זיין פנים פאר דעם רעגינבויגין . ווייל עס זעהט אוים ווי ער דינט צום רעגינבויגין . נאר אז מען זעהט א רעגין בויגין זאל מען זאגען א ברכה ברוך זוכר הברית . דער וואס זעהט א רעגינבויגין דארף ער זאגען א ברכה ברוך זוכר הברית . רבי ישמעאל בנו של רבי יוחנן

זאגט

במאמרו. דרש רבא מאי דכתיב (ש"ה ו) אל גנת אגוז ירדתי לראות באבי הנחל למה נמשלו דברי תורה לאגוז לומר לך מה אגוז אף על פי שמלוכלך בטיט ובצואה אין שבתוכו נמאס אף תלמיד חכם אע"פ שסרח אין תורתו נמאסת) [כדרב יצחק ד] אמר רב יצחק כל העובר עבירה בסתר כאלו דוחק רגלי השכינה שנאמר (ישעיה סו) כה אמר ה' השמים כסאי וגו' איני והא (תניא) [אמר] רבי אלעאי הזקן (אומר) אם רואה אדם שיצרו מתגבר עליו בכל יום ילך למקום שאין מכירין אותו וילבש שחורים ויתכסה שחורים ויעשה כה שלבו חפץ ואל יחלל שם שמים בפרהסיא לא קשיא הא דמצי כייף ליצריה הא דלא מצי כייף ליצריה (תניא רבי יהודה אומר משום רבי אלעזר נוח לו לאדם שיעבור עבירה בסתר ולא יחלל שם שמים בפרהסיא שנאמר (יחזקאל כ) ואתם בית ישראל כה אמר אדני ה' איש גלוליו לכו עבודו ואחר אם אינכם שומעים אלי ואת שם קדשי לא תחללו אמר רבי אלעאי אם רואה אדם שיצרו מתגבר עליו וכו'). דרש רבי יהודה בר נחמני מתורגמניה דר"ל כל המסתכל בג' דברים עיניו כהות בקשת ובנשיא ובכהנים. בקשת דכתיב

כמראה

**פירוש**

במערבא ל"ג לה: כאלו דוחק רגלי השכינה. לומר כלנו אין השכינה כאן וכתיב והארץ הדום רגלי: למקום שאין מכירין אותו. אין דעתו גבוהה עליו ובמה יתלה כח יצרו וגם אלו יתפתה אין נותנין לו לב באלו השוב בעיניהם וכן בלבושים שחורים: דמצי כייף ליצריה. ובכוות על בסוף נחבא בסתר כאלו דוחק את הרגלים: הכא דלא מצי כייף ליצריה. טוב לו בלעט מבפרהסיא:

---

זאגט מען זאל זאגען ברוך זוכר הברית ונאמן בבריתו וקיים במאמרו. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק איך האב געניערט צום נוס גארטען צו זעהן דיא פרוכט פון טאהל. פאר וואס איז געגליכען די תורה צו אגוס. צו זאגען דיר. אזוי ווי אגוס אפילו ער ליגט אין ליים אונ אין צואה פון דעסטוועגין דער קערינדיל וואס אינוועיניג איז ניט פר מיאוסט. אזו א תלמיד חכם אפילו ער האט געזינדיגט פון דעסטוועגין איז זיין תורה ניט פאר מיאוסט. רב יצחק זאגט אז איינער טוהט אעבירה אין דער שטיהל איז גליך ווי ער שטויסט אוועק די פיס פון דער שכינה. אין פסוק שטייט גאט זאגט דער הימעל איז מיין שטוהל אונ די ערד איז מיין פוסען בייגקיל. אונ ער ווייזט אז גאט איז ניטא אויף דער וועלט. אונ ער זעהט נאר ניט וואס די מענטשין טוהען אויף דער וועלט). האלט דאך גאט די פיס זיינע ניט אויף די ערד. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי. וואורום רבי אלעאי הזקן האט גזאגט אויב א מענטש זעהט אז דער יצר הרע שטארקט זיך אויף איהם. זאל ער גיין צו אזוי א ארט וואס מען קען איהם ניט. אונ זאל אן קליידען שווארצע קליידער אונ זאל גיין איינגעוויקעלט אין שווארצע קליידער. אונ זאל טאהן וואס זיין הארץ וויל. אונ ער זאל ניט פאר שעמען דעם נאמען פון גאט עפענטליך פאר פיל מענטשין. נאר ער זאל טאהן דיא עבירות אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא דער וואס קען איין נעמען דעם יצר הרע נאר ער ווית ניט. טוהט ער דאך די עבירות צו דער צערענען גאט. ווייל ער האט ניט מורא פאר גאט. איז בעסער ער זאל טאהן די עבירות ווען אלע זעהן. ניט אין דער שטיל. אבער דער וואס האט מורא פאר גאט אונ וואלט געריין ניט גיטאהן קיין עבירה. נאר ער קען זיך ניט שטארקין אויף דעם יצר הרע. איז בעסער ער זאל טאהן די עבירות אין דער שטיל וועיין מועד קטן פ"ג טז: מיר האבען גילערונט רבי יהודה זאגט פון רבי אלעזרס וועגין עס איז בעסער אז א מענטש זאל טאהן אעבירה אין דער שטיל. אונ ער זאל ניט פאר שעמען דעם נאמען פון גאט עפענטליך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר יודען אזוי האט גאט גזאגט יעדער זאל גיין דינען זיינע עבודות זרות ווייל איר פאלגט מיך ניט. נאר מיין הייליגען נאמען זאלט איר ניט פאר שעמען. אזוי ווי רבי אלעאי הט פריער גזאגט. רבי יהודה בר נחמני דער מתורגמן פון ריש לקיש האט גזאגט דער וואס קוקט אויף איינע פון דיא דריי זאכען ווערין איהם טונקעל די אויגען. אויף א רעגינבויגען. אונ אויף א נשיא. אונ אויף דיא כהנים ווען זייא דוכנען. אויף א רעגינבויגען טאר מען ניט קוקען ווייל עס שטייט אין פסוק אזוי וויא עס זעהט אוים דער

בויגען

(יחזקאל א) כמראה הקשת אשר יהיה בענן [וגו'] . בנשיא דכתיב (במדבר כז) ונתתה מהודך עליו . בכהנים בזמן שבית המקדש קיים בשעה שעולין לדוכן ומברכין את העם בשם המפורש . דרש רב יהודה בר נחמני מתורגמניה דריש לקיש מאי דכתיב (מיכה ז) אל תאמינו ברע אל תבטחו באלוף אם יאמר לך יצר הרע חטא והקב"ה מוחל לך אל תאמן בו שנאמר אל תאמינו ברע ואין רע אלא יצר הרע שנאמר (בראשית ח) כי יצר לב האדם רע מנעוריו . אל תבטחו באלוף אין אלוף אלא הקב"ה שנאמר (ירמיה ג) אלוף נעורי אתה שמא יאמר אדם מי מעיד בי אבני ביתו של אדם וקורות ביתו (ורהיטי ביתו) של אדם מעידין בו שנאמר (חבקוק ב) כי אבן מקיר תזעק וכפים מעץ יעננה . תניא (רבי שילא) [זריקא] אומר שני מלאכי השרת המלוין לו [אותו] מעידין בו שנאמר (תהלים צא) כי מלאכיו יצוה לך (רבי זריקא אומר) [וחכמים אומרים] נשמתו של אדם מעידה בו שנאמר (מיכה ז) משוכבת חיקך שמור פתחי פיך איזהו דבר ששרוי בחיקו של אדם הוי אומר זו נשמה (והכמים אומרים) [ויש אומרים] איבריו של אדם מעידין בו שנאמר (ישעיה מג) ואתם עדי נאם ה' ואני אל :

(ע"ב) יב תנו רבנן אמר רבי יהודה בן טבאי אראה בנחמה אם לא הרגתי עד זומם להוציא

סלבן

ומברכין את העם בשם המפורש . בהשכינה שורה בקשרי אצבעותיהם : אל תאמינו ברע . כלומר לך חטא : ואל תבטחו באלוף . לומר שימחול לך : וכפים . חתיכת עץ כמו כפיסים בב"ב : ואתם עדי . הוא מעיד בעצמו בכל עונו (שמוכיח) [שאוכיחו] בפניו (וכן בס"א דהעניות) :

עד

בויגן אין וואלקן . אזוי זעהט אויס דער כבוד פון גאט . אויף א נשיא טאר מען ניט קוקען ווייל עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה רבינו דו זאלסט געבען פון דיין שיינקייט אויף יהושע . ואונ אזוי איז גיקומען די שיינקייט פון יהושע אויף דעם נשיא וואס נאך איהם . אונ אזוי ווייטער אלע נשיאים האבען אלין די שיינקייט פון משה . אונ דיא שיינקייט פון משה איז גיקומען פון גאט . ווען דער בית המקדש איז גיששטאנען האט מען ניט גיטארט קוקען אויף דיא כהנים ווען זיי האבען גידוכנט . ווייל זיי האבען גיבענשט דאס פאלק מיט דעם שם המפורש . רב יהודה בר נחמני דער מתורגמן פון ריש לקיש האט גידרשט עס שטייט אין פסוק אל תאמינו ברע אל תבטחו באלוף . אויב דער יצר הרע וועט זאגען צו דיר זינדיג גאט וועט דיר מוחל זיין . זאלסטו איהם ניט גלויבען . ווארום עס שטייט אין פסוק אל תאמינו ברע . מען זאל ניט גלייבען ברע . נאר מען לייענט ברעו . איר זאלט ניט גלויבען דעם שלעכטען . אונ דער שלעכטער איז דער יצר הרע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער גידאנקען פון דעם מענטשינס הארץ איז שלעכט פון דער יוגענד . איר זאלט אייך ניט פאר זיכערן אויף דעם אלוף . אויף גאט . אז ער וועט אייך מוחל זיין . אלוף מיינט מען גאט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלוף נעורי אתה . גאט דו ביסט דער הער פון מיין יוגענד . טאמער וועט א מענטש זאגען ווער וועט אויף מיר עדות זאגען אז איך האב גיזינדיגט . דיא שטיינער פון דעם מענטשינס שטוב אונ דיא בעלקעם פון זיין שטוב וועלען עדות זאגען אויף דעם מענטש אז ער האט גיזינדיגט : אזוי ווי עס שטייט אין פסוק א שטיין פון וואנט וועט שרייען אונ א שפאן פון האלץ וועט ענטפערן . רבי זריקא זאגט די צוויי מלאכים וואס בגלייטען דעם מענטשין וועלען עדות זאגען אויף איהם . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי מלאכיו יצוה לך . גאט וועט געביטען זיינע מלאכים זיי זאלען דיך היטען . דיא חכמים זאגען דיא נשמה פון דעם מענטשין וועט עדות זאגען אויף איהם . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק פאר די וואס ליגט אין דיין שוים זאלסטו היטען די עפענונג פון דיין מויל . וועלכע זאגען ליגט אין דעם שוים פון מענטשין . דאס איז דיא נשמה . אנדערע זאגען די גלידער פון מענטשין זאגען עדות אויף דעם מענטשין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר זענט מיינע עדות אז גאט זאגט איך בין א גאט :

יב תנו רבנן די רבנן האבען גילערנט רבי יהודה בן טבאי האט גיזאגט איך זאל

אזוי

מלבן של צדוקים שהיו אומרים אין העדים זוממים נהרגין עד שיהרג הנידון. אמר [לו] שמעון בן שטח אראה בנחמה אם לא שפכת דם נקי שהרי אמרו חכמים אין העדים זוממים נהרגין עד שיזומו שניהם ואין לוקין עד שיזומו שניהם ואין משלמין ממון עד שיזומו שניהם מיד קבל עליו יהודה בן טבאי שאין מורה הלכה אלא בפני שמעון בן שטח. (אמרו) כל ימיו של יהודה בן טבאי היה משתטח על קברו של אותו הרוג והיה קולו נשמע סבורין העם לומר קולו של (מת) [הרוג] הוא אמר להן קולי הוא תדעו שלמחר הוא מת ואין קולו נשמע אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי ממאי דילמא פיוסי פייסיה או בדינא תבעיה:

[יג פיסקא] יצא מנחם ונכנס שמאי וכו' להיכן יצא אביי אמר יצא לתרבות רעה רבא אמר

פירוש

עד זומם. שלא הוזם אלא הוא לבדו: עד שיהרג הנידון. קודם הזמה ואח"כ הוזמו שהיו דורשין נפש בנפש ממש כלומר בעדים זוממין. אמרו להם חכמים והלא כבר נאמר כאשר זמם לעשות ולא כאשר עשה משמע עדיין אחיו קיים א"כ למה נאמר נפש בנפש שאין נהרגין אא"כ נגמר דינו של נידון קודם שהוזמו:

ואין לוקין. אם העידוהו שהוא חייב מלקות כולהו גרסינן עד שיוזמו שניהם ובמסכת מכות יליף לה מקרא והנה עד שקר העד וגו' ואמר מר כ"מ שנאמר עד הרי כאן שנים: אלא בפני שמעון. שאם יטעה ילמדנו:

---

אזוי דער לעבן צו זעהן די נחמה פון ירושלים. ווי איך האב געהרגעט איין עדות וואס מען האט מזים געווען. צוויי עדות האבען געזאגט אויף ראובן אז ער האט געהרגעט שמעון. זונטאג פריה ביין דעם זייגער. דער נאך זענען געקומען צוויי עדות אנדערע און האבען געזאגט צו איינעם פון די ערשטע צוויי עדות. ווי אזוי קענסטו זאגען אז דו האסט געזעהן זונטאג פריה ביין דעם זייגער ווי ראובן האט געהרגעט שמעון. די צייט ביסטו דאך געווען מיט אונז און דווא האסט גאר ניט געזעהן. דאס הייסט מען האט איהם מזים געווען. האט רבי יהודה בן טבאי געזאגט מען זאל הרגנן דעם עדות. און ראובן זאל מען ניט הרגנן. ניט ווי די אפקורסים זאגען. אויב מען וואלט ראובן געהרגעט. דער נאך וואלט מען מזים געווען דעם עדות. וואלט מען געדארפט הרגנן דעם עדות. אבער אז מען האט דעם עדות מזים געווען איידער מען האט געהרגעט ראובן הרגעט מען ניט דעם עדות: האט שמעון בן שטח געזאגט איך זאל אזוי דער לעבן צו זעהן די נחמה פון ירושלים. ווי דווא האסט פאר גאסען ריינע בלוט. ווארום די חכמים האבען געזאגט. אז צוויי עדות האבען געזאגט אויף איינעם ער האט געהרגעט א מענטשין. אויב מען האט מזים געווען ביידע עדות הרגעט מען ביידע. אבער אז מען האט נאר מזים געווען איין עדות. הרגעט מען ביידע ניט. און אויב צוויי עדות האבען געזאגט אויף איינעם אז איהם קומט מלקות. אויב מען האט מזים געווען ביידע עדות. שלאגט מען מלקות ביידע. אבער אז מען האט נאר מזים געווען איין עדות. שלאגט מען ביידע ניט. און אויב צוויי עדות האבען געזאגט אויף איינעם אז ער האט געבארגט געלט ביי זיין חבר. אויב מען האט מזים געווען ביידע עדות. באצאהלען ביידע וויא פיל זייא האבען געוואלט דער מענטש זאל באצאהלען. אבער אז מען האט נאר מזים געווען איין עדות. באצאהלען ביידע ניט. האט יהודה בן טבאי באלד אויף זיך גענומען ער זאל ניט פסקנען קיין דין נאר פאר שמעון בן שטח. ווי ער וועט איהם לערנען. אזוי לאנג ווי יהודה בן טבאי האט געלעבט האט ער זיך אלע טאג געלייגט אויף דעם קבר פון דעם עדות וואס ער האט געהרגעט. און מען האט געהערט דעם קול פון יהודה ווי ער האט געוויינט. האט דאס פאלק געזאגט דער געהרגעטער וויינט אין קבר. האט יהודה צו זיי געזאגט איך וויין. ווארום אז איך וועל שטארבען וועט איר שוין ניט הערין קיין געוויין פון קבר. האט רב אחא בריה דרבא געזאגט צו רב אשי. טאמער האט טאקי געוויינט דער געהרגעטער אין קבר. נאר פאר וואס וויינט ער ניט דער נאך ווי יהודה איז געשטארבען. ווייל יהודה האט איהם דארט געבעטען ער זאל איהם מוחל זיין; און ער האט איהם מוחל געווען. אדער דער עדות האט דארט [illegible] אדין תורה מיט יהודה:

יג פיסקא. מנחם איז ארויס געגאנגען און שמאי איז אריין געגאנגען אויף זיין ארט.

אמר יצא לעבודת המלך תניא נמי הכי יצא מנחם לעבודת המלך ויצאו עמו שמונים זוגות תלמידים לבושים סיריקון:

**יד אמר** רבי יוסי כה לי אבא אלעזר פעם אחת היה לנו עגל של זבחי שלמים והבאנוהו לעזרת נשים (לסמוך) [וסמכו עליו נשים] לא מפני שסמיכה בנשים אלא כדי לעשות נחת רוח לנשים:

(דף יז) **טו משנה** עצרת שחל להיות בערב שבת בית שמאי אומרים יום טבוח אחר השבת ובית הלל אומרים אין לה יום טבוח ומודים בעצרת שחל להיות בשבת שיום טבוח אחר השבת אין כהן גדול מתלבש בכליו ומותרין בהספד ותענית שלא לקיים את דברי האומרים עצרת אחר שבת:

(דף יח) **גמ'** ורמינהו מעשה וכת (אלכסנדראי) [אלכסא] בלוד ובאו כל ישראל לספדו ולא הניחן רבי טרפון מפני שיום טוב של עצרת היה יום טוב ס"ד אי יום טוב אינהו מי קא אתו אלא אימא יום טבוח היה לא קשיא כאן בי"ט שחל להיות בשבת כאן בי"ט

סיריקן. בגדי מלכות:
[אבא אלעזר. כך שמו]:
יום טבוח. של קרבנות ראיה וחגיגה של יום טוב לאחר השבת שאין קרבין לא ביום טוב ולא בשבת: אין לה יום טבוח. אלא לעולם יום טבוח המותר להקריבן ביום טוב: אין כהן גדול מתלבש בכליו. כלים שלו בגדיו ובכוד ולא משום עבודה קאמר ולא בבגדי כהונה קאמר אלא שלא יתגאה בהו היום ביום טביה של עצרת אחר השבת היינו הכל שאין היום יום טוב מפני הצדוקין שהיו אומרים עצרת אחר השבת (שהם אומרים וספרתם לכם ממחרת השבת שבת בראשית וא"כ לעולם חל עצרת אחר השבת): ולא הניחן רבי טרפון. ומתניתין הני מותרין בהספד: ביום טוב שחל להיות בשבת. ביום טבוח אחר השבת מותר מפני שאומרים עצרת אחר השבת והא (דאלכסנדרי) [דאלכסא] בלוד ביום טוב שחל להיות בחול היה דאין יום טבוח שלו בלוד בשבת:

וואו אהין איז מנחם גיגאנגען. אביי זאגט ער איז געווארען ארשע. רבא זאגט ער איז גיגאנגען צו די ארבעט פון מלך ער איז געווארען אשר ביי דעם מלך. מיר האבען אויך אזוי גילערנט. מנחם איז גיגאנגען צו די ארבעט פון מלך. מיט אים זענען גיגאנגען אכטציג פאר תלמידים אן ניקליידט אין קעניגליכע קליידער:

**יד** אמר. רבי יוסי האט גזאגט אבא אלעזר האט מיר דער ציילט מיר האבען אמאהל גיהאט אקאלב פון שלמים. האבען מיר איהם גיבראכט אין די עזרה פון די ווייבער האבען די ווייבער ארויף גילייגט זייערע הענט אויף דעם קאפ פון דעם קאלב. נים ווייל ווייבער דארפען ארויף לייגען זייערע הענט אויף אקרבן. נאר מען האט זיי גיוואלט מאכען אפערגעניגען. זיי זאלען מיינען זיי האבען מקיים גיוועזן אמצוה:

**טו** משנה. עצרת. אויב שבועות איז גיפאלען פרייטאג. בית שמאי זאגען מען האט גישאכטען אלע קרבנות פון יום טוב נאך שבת. און בית הלל זאגען מען דארף נים שעכטין נאך שבת. נאר מען מעג שעכטין אום יום טוב. אבער אז שבועות גיפאלט אום שבת. האלטען אלע אז מען שעכט די קרבנות נאך שבת. און אז מען שעכט דיא קרבנות פון שבועות זונטאג. טאר נים דער כהן גדול אן קליידען יום טובדיגע קליידער. דעם זונטאג. און מען מעג זאגען אהספד און מען מעג פאסטען דעם זונטאג. צו ווייזען אז דער דין איז נים ווי די אפקורסים וואס זאגען אז שבועות מוז אייביג זיין זונטאג. זאלען זייא זעהן אז דער זונטאג איז נים שבועות. נאר מען שעכט היינט די קרבנות פון שבועות וואס איז גיוועזן פרייטאג אדער שבת: פרעגט די גמרא עס האט אמאהל גיטראפען אלכסא איז גישטארבען אין לוד זענען אלע יודען פון לוד גיקומען צום הספד. האט זיי רבי טרפון נים גילאזט מאכען אהספד. ווייל עס איז גיוועזן דער יום טוב שבועות. פרעגט די גמרא אז עס וואלט גיוועזן יום טוב וואלטען די יודען גיוואלט מאכען אהספד. נאר עס איז גיוועזן דער טאג וואס מען האט אין איהם גישאכטען די קרבנות פון שבועות. זעהן מיר דאך אז דער טאג וואס מען שעכט אין איהם די קרבנות פון שבועות. טאר מען נים זאגען אהספד. זאגט דיא גמרא עס איז נים קיין קשיא. אז שבועות איז גיפאלען שבת און מען שעכט די קרבנות פון שבועות זונטאג. מעג מען זאגען זונטאג אהספד. צו ווייזען די אפקורסים אז היינט איז נים שבועות. אבער אז

בז"ט שחל להיות אחר השבת:

(דף כ) **טז מעשה** באשה אחת שבאת לפני רבי ישמעאל ואמרה לו רבי בגד זה ארגתיו בטהרה ולא היה בלבי לשמרו בטהרה ומתוך בדיקות שהיה בודקה רבי ישמעאל אמרה ליה רבי נדה משכה עמי בחבל אמר רבי ישמעאל כמה גדולים דברי חכמים שהיו אומרים בלבו לשמרו טהור אין בלבו לשמרו טמא שוב מעשה באשה וכו' בזה:

**פירוש**

ארגתיו בטהרה. יודעת אני שמטעם שנארגה בו ג' אלבעות שנראה לטומאה לא נגע בו טומאה ומ"מ לא היה בלבי לשמרו: ומתוך בדיקות ישמ'. שואיג ולא היה (לך) בלבך לשומרו שמא אירע בו כך וכך ולא מסרת: משכה עמי בחבל. שקשור בו בחבל בכלי האירוג ושמא הכיסתו: שנים יין ושמן. לקבל מידם יין לנסכים ושמן למנחות: ובונה במה. בשעת איסור הבמות ומקטיר לשמים: כר' יוסי. דאמרינן בגמרא דהיינו טעמא דאלו ליכן לא מקבלינן כדאמריק בפסחים בפ"ק אלו עוברין:

# חומר בקודש פרק שלישי

(דף כב) **א תניא** אמר רבי יוסי מפני מה הכל נאמנים על טהרת יין ושמן כל ימות השנה כדי שלא יהא כל אחד ואחד הולך ובונה במה לעצמו ושורף פרה (אדומה) לעצמו אמר רב פפא כמאן מקבלינן האידנא סהדותא מעם הארץ כמאן כרבי יוסי:

(ע"ב) **ב תניא** אמר רבי יהושע בושני מדבריכם בית שמאי אפשר אשה לשה וכו'. נטפל לו תלמיד אחד מתלמידי בית שמאי אמר ליה אומר לך טעמו של בית שמאי אמר ליה אמור אמר ליה כליו של עם הארץ טמא או טהור אמר ליה טמא ואם אתה אומר

---

שבועות איז געפאלען דמשל דינסטאג אונ עס איז געבליבען קרבנות פון דינסטאג צוא שעכטין מיטוואך. טאר מען ניט זאגען אהספד מיטוואך:

**טז** מעשה. אמאהל איז אאשה געקומען פאר רבי ישמעאל: האט זיא גזאגט צו איהם רבי דאס קלייד האב איך געוועבט ווען איך בין געוועזען טהור. נאר איך האב ניט געטראכט איך זאל היטען דאס קלייד פון אנדערע טומאות. פון די אלע שאלות וואס רבי ישמעאל הט איר געפרעגט. האט זי גזאגט צו רבי ישמעאל. רבי אאשה וואס איז געוועזען אנדה האט מיר געהאלפען ציהען די פעדים. איז דאך דאס קלייד שוין טמא. האט רבי ישמעאל גזאגט וויא גרוים זענען די רייד פון די חכמים וואס זיי האבען גזאגט אז ער הט געטראכט צו היטען די זאך זאל זיין טהור. איז די זאך טהור. אבער אז ער הט ניט געטראכט צו היטען די זאך זאל זיין טהור. איז די זאך טמא:

## פרק שלישי

**א** תניא. מיר האבען געלערנט רבי יוסי האט גזאגט פאר וואס זענען אלע בגלייבט אגאנץ יאהר צו זאגען די וויין אונ די אייל זענען טהור. עס זאל ניט גיין יעדער מענטש באזונדער אונ מאכען אבמה פאר זיך. נאבמה איז אשטיין וואס מען איז אויף איהם מקריב קרבנות. אונ ער וועט פר ברענגען אפרה אדומה פר זיך. רב פפא זאגט ווי ווער פסקנן מיר ווס מען נעמט אן עדות פון אעם הארץ. אז אעם הארץ זאגט עדות אויף אזאך גלייבט מען איהם. דאס איז אזוי וויא רבי יוסי. וואס רבי יוסי זאגט מען דארף ניט מאכען קיין פיינדשאפט צווישען מענטשין:

**ב** תניא. מיר האבען געלערנט רבי יהושע האט גזאגט בית שמאי איך שעם מיך פון אייערע רייד. ווי אזוי קען דאס זיין אז אאשה זאל קנעטין אטייג אין אמולטער. די אשה זאל זיין טמא. אונ די טייג מיט די מולטער איז טהור. איז אתלמיד פון בית שמאים תלמידים געקומען צו רבי יהושע. אונ האט גזאגט צו איהם איך וועל דיר זאגען דעם טעם פון בית שמאי. פאר וואס דאס איז אזוי. האט רבי יהושע גזאגט צום תלמיד זאג. האט דער תלמיד גזאגט. די כלים פון אעם הארץ זענען טמא צו טהור. האט רבי יהושע גזאגט זיי זענען טמא. אונ

אומר לו טמא כלום משגיח עליך ולא עוד אלא שאם אתה אומר לו טמא אומר לך שלי טהור ושלך טמא וזהו טעמן של בית שמאי מיד הלך רבי יהושע ונשתטח על קברי בית שמאי אמר נעניתי לכם עצמות ב"ש ומה סתומות שלכם כך מפורשות על אחת כמה וכמה אמרו כל ימיו הושחרו שיניו מפני תעניותיו:

(דף כו) ג **משנה** הגבאים שנכנסו לתוך הבית וכן הגנבים שהחזירו את הכלים נאמנים לומר לא נגענו ובירושלים נאמנים על הקדש ובשעת הרגל אף על התרומה (ואע"פ שהיא יותר חמורה):

**גמ'** כנא הני מילי אמר רבי יהושע בן לוי דאמר קרא (שופטים כ) ויאסף כל איש ישראל אל העיר כאיש אחד חברים הכתוב עשאם כולם חברים:

(ע"ב) ד **אמר** רבי יהושע בן לוי נס גדול נעשה בלחם הפנים כסידורו סילוקו שנאמר (ש"א כא) לשום לחם חם ביום הלקחו:

כתיב

כלום משגיח עליך. לפיכך שאני לו כ"ש אוכלין ומשקין וכלי חרס שאין להם טהרה אלא שבירתן ואם באת להכריז עליו לא ישמע לך אבל בכלי שטף ישמע לך ויטבילנו ע"כ: גבאים. ישראל שהם גבאים למלך לגבות מיד ישראל גולגליות ומסים וארנוניות: שנכנסו לתוך הבית. לעבוט וכן הגנבים שגנבו כלי חרס והחזירום: נאמנים לומר. לא נגענו בתוכו: ויאסף כל איש ישראל וכו'. ברגל נעשה כתיב שנאספו כל ישראל ברגל: הכתוב עשאם חברים. וגם ברגל בעת אם לא היה: סילוקו כסידורו. שם נקי לשבת שהלחם חם כיום סידורו: חם ביום הלקחו. היינו חם כיום הלקחו מעל השלחן:

---

און אז דו וועסט זאגען צום עם הארץ אז זיינע כלים זענען טמא. וועט ער דיך פאלגען. נאך מער אז דו וועסט זאגען צום עם הארץ זיינע כלים זענען טמא. וועט דער עם הארץ צו דיר זאגען מיינע כלים זענען טהור און דיינע כלים זענען טמא. דאס איז דער טעם פון בית שמאי ועיין בגמרא. איז רבי יהושע באלד געגאנגען און האט זיך פאר שפרייט אויף די קברים פון בית שמאי. און הט געזאגט איך בין אונטער טעניג צו אייך איר ביינער פון בית שמאי. מאראך די זאכען וואס איר האט פאר מאכט. איר האט ניט געזאגט דעם טעם פון דער זאך. איז דער טעם אזוי אמת. דיא זאכען וואס איר האט געזאגט דעם טעם פון זיי. זענען געוויס אמת. מען הט געזאגט אזוי לאנג ווי רבי יהושע הט געלעבט הט ער געפאסט בית שמאי זאלען איהם מוחל זיין. ביז זיינע ציין זענען איהם שווארץ געווארען פון פאסטען:

ג משנה. הגבאים. יודען וואס דער מלך האט זיי געמאכט פאר ערצטע זייא זאלען מאנען פאדאטקעס ביי דיא יודען. און זייא זענען אריין געגאנגען אין אידישע שטוב נעמען משכנות פאר פאדאטקעס. האבען זיי גענומען ערדענע כלים דער נאך הט מען ביי זייא אויס געלייזט די כלים. אדער גנבים וואס האבען גיגנבעט ערדענע כלים ביי אידען. דער נאך האבען זיי די כלים צוריק גיגעבען. זענען זיי בגלויבט צו זאגען. מיר האבען ניט אן גערירט דיא כלים אינווייניג. און ערדענע כלים ווערען ניט מטמא פון אויסווייניג. אין ירושלים איז מען בגלויבט אויף קדשים צו זאגען זיי זענען טהור. און אין די צייט פון יום טוב איז מען בגלויבט אויף תרומה אויך צו זאגען זיי זענען טהור. זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אום יום טוב זענען אלע בגלויבט צו זאגען אז עס איז טהור. הט רבי יהושע בן לוי געזאגט עס שטייט אין פסוק אלע יודען האבען זיך פאר זאמעלט צום שטאט אזוי ווי זיי וואלטען געווען איין מענטש חברים. האט דער פסוק זיי געמאכט אלע פאר חברים. חבר איז טייטש אלמען, ווען מיר ווען אלע יודען זענען בעזאמען. רעכענט מען אלע פאר לומדים. און אום יום טוב זענען דאך אויך אלע יודען בעזאמען. רעכענט מען אלע פאר לומדים. דריבער זענען זיי בגלויבט צו זאגען די תרומה אדער די קדשים זענען טהור:

ד אמר: רבי יהושע בן לוי הט געזאגט ביי דעם לחם הפנים איז געשאהן געווארען א גרויסער נס. אזוי ווי מען הט איהם אויף געלייגט שבת ווארעם. אזוי האט מען איהם אראפ גענומען איבער א וואך שבת אויך ווארעם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לחם חם ביום הלקחו. דער ברויט איז געווען ווארעם ווען מען הט איהם אראפ גענומען פון טיש:

כתיב

שלחנו מכפרת עליו. בהכנסת אורחים: כסלמנדרא. חיה שנבראת מן האור כשמבעירין אש במקום אחד שבע שנים (תמיד בלי הפסק): כעובי דינר זהב. דבר מועט לא חיסר זהבה דנעשה בו גם:

(דף כז) **הכתיב** (יחזקאל מא) המזבח עץ שלש אמות גבוה וגו' וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה' פתח במזבח וסיים בשלחן רבי יוחנן וריש לקיש דאמרי תרווייהו בזמן שבית המקדש קיים מזבח מכפר על אדם עכשיו שאין המזבח קיים שלחנו של אדם מכפר עליו. אמר רבי אבהו א"ר אלעזר תלמידי חכמים אין אור של גיהנם שולטת בהן קל וחומר כסלמנדרא מה סלמנדרא שתולדת האש היא הסך מרמה אין אור שולטת בו תלמידי חכמים שגופן אש דכתיב ירמיה כג) הלוא כה דברי כאש נאם ה' על אחת כמה וכמה. אמר רבי שמעון בן לקיש פושעי ישראל אין אור של גיהנם שולטת בהן קל וחומר ממזבח הזהב ומה מזבח הזהב שאין עליו אלא כעובי דינר זהב כמה שנים אין האור שולטת בו פושעי ישראל שמלאים מצות כרמון דכתיב (ש"ה ד) כפלח הרמון רקתך אל תקרי רקתך אלא ריקנין שבך (מלאים מצות כרמון) על אחת כמה וכמה

## סליק מסכת חגיגה וסדר מועד בעזהי"ת

הכתיב. עס שטייט אין פסוק דער מזבח איז געווען האלץ דריי איילען די הייך. אונ ער האט גירעט צו מיר דס איז דער טיש וואס פר גאט. ער הייבט אן מיט דעם מזבח. אונ לאזט אויס מיט דעם טיש. רבי יוחנן אונ ריש לקיש זאגען ביידע ווען דער בית המקדש איז גישטאנען האט דער מזבח מכפר גיוועזן אויף דעם מענטשין. איצט אז דער מזבח איז ניטא איז דער טיש פון מענטשין אויף איהם מכפר. ווען ער עסט מיט ארעמע לייט ביי זיין טיש. אין די צדקה אויף איהם מכפר. רבי אבהו האט גזאגט פון רבי אלעזר ווענין דער פייער פון גיהנם וועט ניט פאר ברענען די תלמידי חכמים. דאס ווייזען מיר מיט א קל וחומר פון סלמנדרא; ווען מען ברענט פייער אויף איין ארט זיבען יאהר. אונ מען האט אין מיטען ניט אויף גיהערט צו ברענען איין מנוט. ווערט בשאפען א חיה פון דעם פייער. די חיה הייסט סלמנדרא. מאראך סלמנדרא וואס זי איז גיבארען פון פייער. דער וואס שמירט זיך מיט איר בלוט. קען איהם ניט פר ברענען קיין פייער. תלמידי חכמים וואס זיי אליין זענען פייאר. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט מיינע רייד זענען אזוי ווי פייער. איז דאך גוויס אז דער פייער פון גיהנם וועט ניט פר ברענען די תלמידי חכמים. רבי שמעון בן לקיש זאגט אפילו ארע זינדיגע יודען וועט זייא אויך ניט פאר ברענען דער פייער פון גיהנם. דס ווייסען מיר מיט א קל וחומר פון דעם גאלדענעם מזבח. מאראך דער גאלדענער מזבח וואס דיא גאלד פון איהם איז נאר גראב וויא א גילדען. אונ עס האט גיברענט אויף איהם פייער פיל יאהרין. אונ די האלץ וואס אונטער די גאלד איז ניט פאר ברענט גיווארען. ווייל די גאלד האט פאר שטעלט די זינדיגע יודען וואס זענען פול מיט מצות אזוי ווי א מילגרוים איז פול מיט קערנער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כפלח הרמון רקתך. דוא זאלסט ניט לייענען רקתך. דיין שלייף נאר זאלסט לייענען רקנך. דיינע ליידיגע מענטשין זענען אויך פול מיט מצות אזוי וויא א מילגרוים איז פול מיט קערנער. איז געוויס אז דיא מצות וועלען באשיצען אויף זייא דער פייער פון גיהנם זאל זייא ניט פאר ברענען:

## תם ונשלם